בס"ד

# יארצייטן פון צדיקים

## שבת פרשת פנחס תשפ"ה

**פון י"ז תמוז – ביז כ"ג תמוז**

**לעילו נשמת אבי הרה"ח רבי משה אפרים**
**ב"ר ארי' ע"ה**
**ולעילו נשמת אמי שפרה יענטא בת הרה"ח ר' משה יהודה ע"ה**

**צו באקומען די יארצייטן יעדן טאג ביטע שיקט א מעסעדטש צו דעם נומער 907-9119 (646)**

## זונטאג – י"ז תמוז

הגה"ק רבי חיים צבי ב"ר דוד יהודה לייב זי"ע, (מאנהיימער), בעל שו"ת עין הבדולח, אב"ד אונגוואר.

הרה"ק רבי מרדכי לייב ב"ר נפתלי הירץ זי"ע, (ווינקלער), בעל לבושי מרדכי, אב"ד מאד.

## מאנטאג – י"ח תמוז

הרה"ק רבי יעקב ארי' ב"ר שלמה זי"ע, (גוטרמאן), בעל ביכורי אבי"ב, מראדזימין.

הנקרא "דער גוטע יוד פין ראדזימין "אדער "הסבא קדישא מראדזימין"

## דינסטאג – י"ט תמוז

הרה"ק רבי יהושע ב"ר יוסף זי"ע, (פרישערמאן), מטומאשוב.

## מיטוואך – כ' תמוז

הגה"ק רבי הילל ב"ר ברוך בענדיט זי"ע, (ליכטנשטיין), בעל כוונת הלב, אב"ד קראסנא.

## דאנערשטאג – כ"א תמוז

הרה"ק רבי אברהם מתתיהו ב"ר מנחם נחום זי"ע, (פריעדמאן), אדמו"ר משטעפינשט.

## פרייטאג – כ"ב תמוז

הרה"ק רבי שלמה ב"ר מאיר הלוי זי"ע, הי"ד, (גוטליב), בעל שמע שלמה, מקארלין.

## שבת קודש – כ"ג תמוז

הגה"ק המקובל האלקי רבינו משה קורדובירו ב"ר יעקב זי"ע, בעל תומר דבורה, הרמ"ק, מצפת.

לזכות להצלחה

חיים אליעזר בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

שמואל בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

צבי בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

מאיר ברוך בן שרה בריינדל ליבא וכל משפחתו.

לעילו נשמת אבי הרה"ח ר' משה אפרים ב"ר ארי' ע"ה.

לעילו נשמת אמי שפרה יענטא בת הרה"ח ר' משה יהודה ע"ה.

יארצייט
זונטאג י״ז תמוז

הגה״ק רבי חיים צבי ב״ר דוד יהודה לייב זי״ע,
(מאנהיימער), בעל שו״ת עין הבדולח, אב״ד אונגוואר,

ער איז געבוירן אין שטאט פישטיאן, בשנת תקע״ד,

צו זיין טאטן הגה״ק רבי דוד יהודה לייב מאנהיימער זי״ע,
און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת שינדל ע״ה,

ער איז געווען א גאון אדיר און א בקי בש״ס ופוסקים, און א צדיק תמים און א איש אמת, אויך איז ער געווען באוויסט אלס א חריף עצום און א חכים בתורה מיט א געוואלדיגע קלארקייט, ער איז געווען א איש קדוש מאוד, ער האט יומם ולילה עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, ער האט זיין גאנץ לעבן ממאס געווען אין רבנות, און נאר נאכן מיט מאכן גאר שווער האט ער געזען א סימן פון הימל אז ער ברויך נעמען א רבנות שטעלע,

ביי די 9 יאר אלט איז ער שוין געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע חריפות און גאונות בתורה, און דאן איז ער געגאנגען לערנען אונעם ישיבה פון הגה״ק רבי יעקב קאפיל חריף בעל חידושי יעב״ץ אב״ד ווערבוי זי״ע,

גרויסע גדולים און גאונים פון זיין דור האבן שוין דאן באוואונדערט זיין געוואלדיגע בקיאות התורה, ווען ער איז עלטער געווארן איז ער אריבער צום גרויסן ישיבה פון הגה״ק רבי בנימין זאב לעוו אב״ד ווערבוי זי״ע, און דארט האט דער יונגער גאון געהארעוועט אויף תורה, און געווען באליבט ביי די תלמידים פונעם ישיבה,

ביי די בר מצוה האט מען דעם בחור אריין געגומען אונעם גרויסע ישיבה פון הגה״ק רבי משה סופר בעל החתם סופר מפרשבורג זי״ע און דארט איז דער גאון געוואקסן ממש צו איינע פון די גרעסטע גדולים בדורו, ער איז געווען איינע פון די גרעסטע תלמידים פונעם הייליגען חתם סופר זי״ע און זיין רבי דער הייליגער חת״ס האט דעם תלמיד מוראדיג מחבב געווען און אסאך עוסק געווען אין תורה מיט דעם גרויסן תלמיד, אויך האט אים זיין רבי דער הייליגער חתם סופר זי״ע מסמך געווען להוראה,

ער האט חתונה געהאט בזיווג ראשון מיט הרבנית הצדקת מרת גיטל ע״ה,
בת הנגיד רבי אברהם מגרופא ז״ל,

דאן איז דער גאון רבי חיים צבי זי״ע געווען סמוך על שולחן חמיו, יענע צייט האט דער גאון עוסק געווען בתורה יומם ולילה ממש מיט א געוואלדיגע התמדה, ער איז דאן געווארן מפורסם אלס איינע פון די גרעסטע גדולים וגאונים בדורו, אסאך גאונים פונעם דור האבן מיט דעם גאון עוסק געווען אין גאר שווערע סיגיות הש״ס און דורך געטון מיט גאון גאר שווערער שאלות בהלכה,

בשנת תר״ז האט דער גאון אנגעהויבן עוסק זיין אביסל אין מוסחר, און נישט געוואלט נעמען קיין רבנות, אבער בציווי פון זיין רבין דער הייליגער חתם סופר זי״ע, האט ער אן גענומען דאס רבנות אין שטאט שוטעלסדארף בשנת תרי״א,

בשנת תר״כ איז ער געווארן רב אין שטאט ווערבוי, וואס דארט האט ער ממלא מקום געווען אויפן פלאץ פון זיין רבין הגה״ק רבי יעקב קאפיל חריף זי״ע, דארט האט דער גאון מרביץ תורה געווען מיט א געוואלדיגע מסירת נפש, און זיך אוועק געגעבן פאר זיינע תלמידים, אויך האט ער דאן זיך אפגעגעבן מיט אלע צרכי הכלל פונעם שטאט,

בשנת תרל״א נאכן הסתלקות פון הגה״ק רבי מנחם אייזענשטאט בעל מנחם א״ש מאונגוואר זי״ע, איז דער גאון געווארן רב אין דעם גרויסן שטאט אונגוואר, וואס איז דאן שוין געווען אן עיר ואם ובישראל, דארט האט דער גאון אויך געשטעלט א גרויסע ישיבה, און פון דעם ישיבה האט דער גאון ארויס געגעבן תלמידים גרויסע תלמידי חכמים און גאונים בדורו,

דאן זענען בחורים גאונים מופלאים געקומען לערנען אין די ישיבה פונעם רב, ער האט דארט עוסק געווען אין תורה מיט א געוואלדיגע התמדה און מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער תלמידים גדולים און גאונים בתורה, פון זיין ישיבה זענען ארויסגעקומען גאונים בדורו ובתוכם,

חותנו הגה״ק רבי ברוך רייכפעלד דומ״ץ אונגוואר זי״ע,
הגה״ק רבי יוסף חיים זאננענפעלד אב״ד ירושלים זי״ע,
הגה״ק רבי נתנאל הכהן פריעד בעל פני מבין אב״ד אויוואש זי״ע,
הגה״ק רבי שלום גאלדבערגער אב״ד סוואליווע זי״ע,
הגה״ק רבי קאפיל בלוי אב״ד ווערבוי זי״ע,
הגה״ק רבי יוסף אלימלך כהנא אב״ד אונגוואר זי״ע,
הגה״ק רבי פנחס הלוי בילליטצער בעל גבעת פנחס אב״ד סערענטש זי״ע,

ליידער בשנת תרמ"ג איז זיין רעבעצין נפטר געווארן, האט ער חתונה געהאט בזיווג שני מיט הרבנית הצדקת מרת קלעריל ע"ה,
בת הגה"ק רבי יעקב מאיר צבי פריעדלאנדער אב"ד שוראני זי"ע,

מען דערציילט אז די גאנצע צייט וואס דער גאון איז געווען דער רב אין שטאט אונגוואר, האט קיין שום קינד נישט געליטען פון די מחלה אסכרה, וואס איז דאן געווען שטארק פארשפרייט צווישן קינדער ר"ל, ווייל דער צדיק וקדוש האט מגין געווען אויפן שטאט,

אבער ליידער נאכן פטירה פון דעם צדיק האט ליידער אויס געבראכען א שרעקליכע מגיפה צווישן די קינדער, און עס זענען גאר אסאך קינדערלעך ר"ל נפטר געווארן פון די מגיפה, און אפילו ביי די דאקטורים איז דאס געווען א פלא,

אויך דערציילט מען אז אסאך אידן זענען געקומען זיך מזכיר זיין פאר א חולה וואס האט געברויכט א רפואה און פאר אנדערע הזכרות, און דער צדיק האט קיינמאל נישט געוואלט נעמען קיין פדיון אדער קוויטלעך, ווייל ער האט געזאגט אז ער האט מורא אז דאס וועט אים שטערן פון זיין עבודת התורה ותפילה, נאר ער פלעגט געבן א ברכה, און הונדערטער אידן זענען געהאלפן געווארן דורך זיינע ברכות,

ער האט געלעבט זיין גאנצע לעבן מיט א געוואלדיגע קדושה, און נישט נהנה געווען פון די וועלט, זיין עבודת התפלה איז געווען מיט א געוואלדיגע מתיקות און השתפכות הנפש, און אייביג געהאלטן דעם דע לפני מי אתה עומד פאר די אויגן,

דער גאון איז געווען באוויסט מיטן טיטול "שר התורה", און געווען מקובל אין אלע שטעט ארום אלס א פוסק נפלא, צדיקים האבן געזאגט אויף דעם גאון, אז ער איז געווען כבור סיד שאינו מאבד טיפה, ווייל וואס דער גאון האט געלערנט, האט ער געדענקט כאילו ער וואלט דאס יעצט ממש געלערנט,

אפילו די נישט אידן פון שטאט האבן באוואונדערט זיין גדלות און זענען געקומען זיך שואל עצה זיין מיטן גאון, אויך האט ער זוכה געווען צו האבן א געוואלדיגע הערצה ביים צדיק דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע וואס האט שטארק געהאלטן פון דעם גאון, עד כדי כך אז ער האט געהייסן פאר זיינע תלמידים וואס האבן געוואוינט אין געגענט פון אונגוואר, צו נעמען דעם גאון אלס זייער פוסק,

א חלק פון זיינע געוואלדיגע שו"ת זענען שפעטער געדריקט געווארן אונעם ספר שו"ת עין הבדולח,

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער,

בתו הצדקת מרת רייזל ע"ה,
בנו הגה"ק רבי דוד זי"ע,
בנו הגה"ק רבי יעקב זי"ע,
בנו הגה"ק רבי גבריאל זי"ע,
בנו הגה"ק רבי עקיבא זי"ע,
בתו הצדקת מרת שרה ע"ה, אשת הגה"ק רבי יעקב דוב בינעט זי"ע,
בתו הצדקת מרת מאכיש ע"ה, אשת הגה"ק רבי מאיר יהודה הירש זי"ע,
בתו הצדקת מרת רבקה ע"ה, אשת הגה"ק רבי ברוך רייכפעלד דומ"ץ אונגוואר זי"ע.
אויך האט ער אויף געצויגען א קינד וואס זיין זיווג שני האט מיט געברענגט, הגה"ק רבי מנחם מענדל בראך מזבארוב זי"ע, בן הגה"ק רבי יהודה בראך מנייטרא זי"ע,

בשנת תרמ"ו איז דער גאון זייער שוואך געווארן, די דאקטוירים האבן צוגערעדט דעם גאון אז ער זאל זיך גיין אפרוען און שעפן כוחות, דאן האט איינע פון די בעלי בתים פון שטאט געגעבן פארן גאון א שיינעם הויז ווי דער גאון זאל גיין און שעפן פרישע כוחות, און דער גאון האט דארט פארברענגט דעם זומער,

אבער ביום ט"ז תמוז נאכמיטאג איז דער גאון געפארן מיט א וואגן צו דעם שטוב, און פלוצלונג האט דעם גאון אנגעכאפט געפערליכע יסורים, און פלוצלונג כבה נר ישראל, און דער גאון איז פלוצלונג נסתלק געווארן,

נסתלק לגנזי מרומים ט"ז תמוז בשנת תרמ"ו, ומנוחתו כבוד איז אין שטאט אונגוואר,

הונדערטער אידן זענען געקומען אפגעבן דעם כבוד האחרון פארן גאון הדור, און גרויסע גדולים מדורו האבן דעם גדול מספיד געווען, מיט בכיות און מעורר געווען די אידן פון שטאט, אז מען זאל פארשטיין וואסערע אבידה כלל ישראל האט געהאט, מיט דעם וואס עס איז אוועק גענומען געווארן אזא גדול בישראל,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

דאס גדלות פון דעם גאון רבי חיים צבי מאנהיימער מאונגוואר זי"ע איז אפילו געווען באוויסט ביי די נישט אידן אויך, איז געווען א מעשה מיט 4 שותפים גוים סוחרים, וואס זענען געגאנגען צום מארק פלאץ צו מאכן מסחר בשותפות, און זיי האבן מיט גענומען א גרויסע סכום געלט כדי צו קענען איינקויפן גוטע סחורה,

ווען זיי זענען דארט אנגעקומען האבן זיי אלע געטראכט, פארוואס זאלן מיר זיך ארום שלעפן מיט די גרויסע סכום געלט אונעם מארק, אפשר וועט איינער דאס גנב'נען, האבן זיי אויפגעגראבן א גרוב ביי א בוים, און דארט באהאלטן דעם גאנצן געלט, און צוזאמען געגאנגען אין מארק, ווען זיי האבן געזען אז עס איז גארנישט געווען איינצוקויפן אין מארק, האבן זיי זיך געגרייט אהיים צו פארן, אבער ווען זיי זענען געגאנגען נעמען דאס געלט, האבן זיי געזען אז דאס גאנצע געלט איז נעלם געווארן,

די שותפים האבן זיך אנגעהויבן קריגען, ווייל זיי האבן דאך געוויסט אז קיינער האט דאך נישט געוויסט ווי מען האט באהאלטן דאס געלט נאר זיי 4, האבן זיי איינער דעם אנדערן חושד געווען אין גנב'נען די געלט, זענען זיי געגאנגען צום כומר פון דעם שטאט און געבעטן אז ער זאל זיי זאגן וואס צו טון, אבער דער כומר האט נישט געוויסט וואס צו טון, ווייל ער האט באמת נישט געוויסט ווער דער גנב איז,

דער כומר וויסענדיג דעם גרויסע חכמה פון דעם גאון רבי חיים צבי מאנהיימער זי"ע, האט ער אפ געשריבן א בריוו צו דעם גאון, אין דאס געשיקט מיט די שותפים די גוים, און געזאגט אז זיי זאלן אריבער גיין צו דעם גאון, און ער וועט שוין זאגן ווער דער גנב איז,

די שותפים זענען אריבער צום גאון און געגעבן דעם בריוו פון דעם כומר, און דער גאון האט זיי אלע געהייסן זיך זעצן ביים טיש, און ווען דער גאון האט געליינט דעם בריוו, האט ער גלייך זיך אנגערופען צו די שותפים, "איך פארשטיי באמת נישט וואס דער כומר וויל פון מיר, בין איך דען א נביא, אז איך זאל וויסן ווער דער גנב איז", און געהייסן פאר די שותפים, אז זיי זאלן צוריק גיין צום כומר ווייל ער קען זיי נישט העלפן,

אבער גלייך ווען זיי זענען ארויס געגאנגען, האט דער גאון זיי צוריק גערופן, און געהייסן זיך זעצן ביים טיש, און נאכאמאל אפגעליינט דעם בריוו, און מעיין געווען אונעם בריוו, און נאכאמאל געזאגט פאר די שותפים, "וואס זאל איך טון איך קען נישט מברר זיין ווער דער גנב איז, איך בין דאך נישט קיין נביא, זאגט פארן כומר אז עס טוט מיר באמת ווי אז איך קען ענק נישט העלפן און מגלה זיין ווער דער גנב איז", און די שותפים זענען ווידער ארויס,

אבער דער גאון האט זיי גלייך צוריק גערופן, און עס האט זיך איבער געשפילט דאס זעלבע, און אזוי האט דער גאון געטון פינעף מאל, און דאן האט דער גאון אפ געשריבן א בריוו צום כומר, און דארט האט ער מגלה געווען פארן כומר ווער דער גנב איז,

און ווען די שותפים זענען צוריק געקומען צום כומר און געגעבן דעם בריוו, האט דער כומר געשריגן אויף דעם שותף וואס דער גאון האט געשריבן אז ער איז דער גנב, אז ער זאל שוין צוריק געבן די געלט, און פארשטייט זיך אז דער גנב האט נישט געהאט קיין ברירה, און מודה געווען אז ער איז טאקע געווען דער גנב,

דער כומר איז ממש ארויס פון התפעלות פון דעם חכמה פון דעם גאון, און דער כומר איז אריבער געפארן צום גאון כדי זיך צו באדאנקען פארן אים ארויס העלפן, און ווען דער כומר איז אנגעקומען צום גאון, האט דער גאון גלייך געזאגט פארן כומר, מיינט נישט אז איך בין א נביא אדער א בעל רוח הקודש, און אויך האב איך מיך נישט באדינט מיט קיין שמות הקדושים,

נאר גלייך ווען די שותפים זענען אנגעקומען, האב איך גלייך געטראכט, וואס וויל דער כומר פון מיר איך בין דאך נישט קיין נביא, האב איך געזאגט פאר די שותפים, איך ווייס באמת נישט ווער עס איז דער גנב, און זיי געזאגט אז זיי זאלן אהיים גיין, האב איך גלייך געזען ווי איינער פון זיי האט זיך די ערשטע אויף געשטעלט, כאילו ער יאגט זיך ארויס צו גיין, האב איך געמיינט אז אפשר איז דאס געווען נאר א מקרה און עס מיינט גארנישט,

האב איך געטון דאס זעלבע אפאר מאל, און געזען אז יעדעס מאל איך האב זיי ארויס געשיקט, איז דער איינער ארויס דאס ערשטע פונעם שטוב, האב איך גלייך פארשטאנען אז עס ברענט דעם איינעם צו אנטלויפן, האב איך פארשטאנען אז ער איז דער גנב, דער כומר איז ממש ארויס פון התפעלות פון דעם גאון

און זיך גאר שטארק באדאנקט פאר זיין הילף, און דאן איז דער גאון אויך באוויסט געווארן אפילו ביי די נישט אידן אלס א חכם מחוכם.

איינמאל איז א איד געקומען ערב יום הקדוש צום רבין דער גרויסער גאון רבי חיים צבי מאנהיימער מאונגוואר זי"ע צו פרעגן א שאלה, אבער ווען ער האט געקלאפט און קיינער האט נישט געענטפערט די טיר, איז דער איד אריין אין שטוב פונעם גאון, און ער האט געטראפן דעם גאון ליגן אויף דער ערד און ער וויינט געפערליך, דער איד האט זיך זייער דערשראקן, ווייל ער האט געמיינט אז אפשר איז עפעס שרעקליך געשען ביים גאון אין שטוב,

ווען דער איד האט געפרעגט דעם גאון וואס עס גייט פאר, האט דער גאון מיט זיין גרויסע עניוות געזאגט, די האסט פארגעסן אז מארגן איז יום הקדוש דער יום הגדול והנורא, און ווי אזוי שטעל איך מיך צום גרויסן יום הדין פארן בורא ברוך הוא, ווען איך בין פארשמירט מיט חטאים ופשעים, ווען דער איד האט דאס געהערט פון דעם גאון, האט אים אנגעכאפט א פחד מיום הדין, און ער האט אויך אנגעהויבן צו וויינען,

א איד וואס איז געווען שמש אונעם ביהמ"ד פון דעם גרויסן גאון רבי חיים צבי מאנהיימער זי"ע, איז ליידער זיין טאכטער איין טאג משוגע געווארן ר"ל, און דער איד איז יעדן טאג געקומען מזכיר זיין דעם טאכטער ביים צדיק, און געבעטן אז דער צדיק זאל מבטיח זיין א רפואה פארן טאכטער,

אבער דער גאון האט אים יעדעם מאל אפ געשטיפט און געזאגט, אז ער זאל גיין צו די צדיקי הדור און בעטן ביי זיי אז זיי זאלן אויספויעלען א ישועה, ווייל איך בין דאך נישט קיין בעל מופת, אבער דער איד האט נישט נאכגעלאזט און געזאגט, אז ער איז בטוח אז דער רבי קען אים אויספויעלען א ישועה פארן טאכטער,

איין טאג האט דער צדיק געלאזט רופן דעם איד, און געזאגט, אז אויב ער גיט אים א תקיעת כף אז ער וועט קיינעם נישט דערציילן דעם סוד, וועט ער מתפלל זיין פאר זיין טאכטער אז זי זאל האבן א רפואה שלימה, דער איד האט דעם גאון געגעבן א תקיעת כף אז ער וועט קיינעם נישט דערציילן, און דער גאון האט אים מבטיח געווען, אז ווען ער וועט אנקומען אהיים וועט ער טרעפן דעם טאכטער איינגאנצן געזונט,

כך הוה ווען דער איד איז אנגעקומען אהיים האט ער געטראפן דעם טאכטער געזונט אין שטארק, דער איד האט איינגעהאלטן דעם תקיעת כף, אבער ביים הסתלקות פונעם רבין האט ער דערציילט דעם מופת וואס ער האט געהאט.

איז געווען א גוי וואס האט עוסק געווען אין מוסחר אין שטאט אונגוואר, איין טאג ווען ער האט געענדיגט זיינע געשעפטן, איז ער אריבער צום שענק הויז פון שטאט וואס האט באלאנגט פאר א איד, דער גוי האט דארט גאר אסאך געטרינקען, ביז ער איז געווארן גאר שטארק שיכור, און דער גוי איז איינגעשלאפן דארט אין שענק הויז, דער איד האט זיך ליידער נישט געקענט באהערשן, און ער האט דעם גוי בא'גנב'ט דאס גאנצע געלט,

אינדערפרי ווען דער גוי האט זיך דערוועקט, האט ער געזען אז דאס גאנצע געלט פעילט אים, ער האט פראבירט צו בעטן פון דעם איד, אז ער זאל אים צוריק געבן דאס געלט, אבער דער איד האט געלייקענט דאס גאנצע זאך און געזאגט, אז ער ווייסט בכלל נישט וואס דער גוי וויל פון אים, און דער גוי האט דאך נישט געהאט קיין באוויז אז דער איד איז דער גנב, איז דער גוי אריבער צום גאון וקדוש רבי חיים צבי מאנהיימער זי"ע, און האט דערציילט פארן גאון די גאנצע מעשה,

דער גאון האט געלאזט ריפן דעם איד צוזאמען מיט דעם גוי, און דער גאון האט אויס געהערט אלע זייטן, און דער גאון האט געזען אז בדרך הטבע האט ער נישט קיין וועג אויף צו ווייזן, אז דער איד האט דאס געלט גע'גנב'ט פונעם גוי, האט דער גאון מיט זיין געוואלדיגע חכמה געזאגט פאר דעם איד, דער גוי האט דאך נישט קיין פרוטה ביי זיך, געב אים כאטש 5 פרוטות, אז ער זאל האבן געלט אהיים צו גיין, דער איד האט געטראכט ביי זיך, וואס איז שוין 5 פרוטות,

אבער גלייך זאגט אים דער גאון, "גיב זיך אכטונג זאלסט נישט געבן פארן גוי פון די געלט וואס די האסט גע'גנב'ט פון אים, ווייל אפשר וועט ער דערקענען דאס געלט", דער איד האט גלייך געזאגט פארן גאון, דאס איז טאקע זייער ריכטיג, און דער איד האט געוואלט געבן פארן גוי פון אנדערע געלט וואס ער האט געהאט ביי זיך,

אבער גלייך זאגט אים דער גאון, יעצט אז די האסט שוין מודה געווען אויף די גניבה, גיב שוין צוריק דאס גאנצע געלט פארן גוי, פארשטייט זיך אז דער איד האט נישט

געהאט קיין ברירה און ער האט דאס גאנצע געלט צוריק געגעבן, און עס איז ארויס געקומען א גרויסע קידוש השם ביי די גוים, זעענדיג דאס געוואלדיגע חכמה פונעם גאון,

אין שטאט אונגווער האט געוואוינט א פרוי וואס האט זיך אפ געגעבן מיטן פארקויפן הינדלעך, זי האט געברויכט האבן א גוטן פלאץ ווי צו באהאלטן די געלט וואס זי האט פארדינט, האט די פרוי דאס באהאלטן אין איינע פון די גע׳שחט׳נע הינדלעך, און אזוי האט זי געטון יעדן טאג,

איין טאג האט זי בטעות פארקויפט דעם הינדל ווי דאס געלט איז געווען באהאלטן, און ווען זי האט געכאפט איר טעות, איז זי שנעל אריבער געלאפן צו די פרוי פאר וועם זי האט פארקויפט דעם הינדל, און זי האט געבעטן אז זי זאל איר צוריק געבן דאס געלט, אבער די פרוי האט גלייך געלייקענט די גאנצע מעשה און געזאגט, אז זי האט בכלל נישט געטראפן קיין געלט אינעם הינדל,

די פרוי איז געווען זייער פארביטערט פון דעם, וויבאלד איר גאנצע פרנסה איז געווען פון פארקויפן די הינדלעך, און דא האט זי פארלוירען איר גאנצע געלט, איז זי גלייך געלאפן צום רב הגה״ק רבי חיים צבי מאנהיימער זי״ע, און דערציילט די גאנצע מעשה, האט דער רב געבעטן אז ביידע זאלן אריבער קומען צו אים אין שטוב,

אזוי ווי ביידע זענען אריין געקומען צום רב, און נאך בעפאר דער רב האט אנגעהויבן די דין תורה, האט דער רב געבעטן ביידע פרויען, אז קודם מיז מען באצאלן געלט פארן דיין, פאר זיין פסק וואס ער גייט ארויס געבן, ביידע פרויען האבן אהין געגעבן די פאר פרוטות, האט דער רב געבעטן פונעם משמש צו ברענגען א גלאז הייס וואסער,

און דער רב האט גלייך אריין געלייגט דאס געלט פון די פרוי וואס האט גע׳גנב׳ט דאס געלט, און גלייך איז ארויף געשווימען די פעטענס וואס איז געווען ארויף געשמירט אויף די געלט וואס איז געלעגן אינעם הינדל, און באלד ווי די פרוי האט דאס געזען האט זי גלייך מודה געווען אויף די גניבה און גלייך צוריק געגעבן דאס גאנצע געלט פאר די אומשילדיגע פרוי, דאן האבן די אידן פון שטאט געזען די געוואלדיגע חכמה וואס דער גאון פארמאגט,

איז געווען א איד אין שטאט אונגוואר, וואס איז געגאנגען אין מארק קויפן א אקס, נאכן טרעפן דעם ריכטיגען אקס וואס ער האט געוואלט, האט ער דאס באצאלט פארן גוי וואס האט דאס פארקויפט, אבער דער איד איז דאן געווען אויפן וועג צו אנדערע מוסחר, און דער גוי וואס האט אים פארקויפט די אקס איז געווען זיינס א שכן וואס דער איד האט געטראסט, האט ער געבעטן דעם גוי, אז אויפן וועג אהיים זאל ער דעם אקס איבער לאזן ביי אים אינדערהיים,

דער גוי האט טאקע אהיים געטראגן דעם אקס, אבער ער האט דאס גענומען צו זיך אהיים, און ווען דער איד איז אהיים געקומען און געפרעגט אויב דער גוי האט געברענגט דעם אקס, האט מען אים געזאגט אין שטוב, אז קיינער האט גארנישט געברענגט, ווען דער איד איז אריבער צום גוי בעטן דעם אקס, האט דער גוי געלייקנט די גאנצע געשעפט, און וויבאלד דער איד האט דאך נישט געהאט קיין באוויז אויפן מקח, האט ער נישט געוויזט וואס צו טון,

איז דער איד גלייך אריבער צום רב פון שטאט הגה״ק רבי חיים צבי מאנהיימער זי״ע, וואס איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע חכמה, און דער איד האט דערציילט פארן רב די גאנצע מעשה וואס דער גוי האט אים דא אפגעטון, און ער האט געזאגט פארן רב, אז דאס איז ממש דאס ביסל געלט וואס ער האט געהאט און ער ווייסט נישט ווי אזוי צו אויף וויזן זיין גערעכטיגקייט,

דער רב מיט זיין חכמה האט גלייך געזאגט פארן איד, גיי אריבער צו די פאליציי און זאג זיי, אז דער רב פון שטאט האט געבעטן, אז מען זאל אריבער גיין צום שטוב פונעם גוי, ווייל ער האט ביי זיך פאלשע געלטער, די פאליציי זענען גלייך אריבער צום גוי און געזאגט אז עס איז אריין געקומען א מסירה אז ער האט פאלשע געלטער,

דער גוי האט זיך זייער דערשראקן פון דעם, און ער האט גלייך געזאגט פאר די פאליציי, דאס איינציגסטע געלט וואס ער האט מיט זיך, איז דאס געלט וואס דער איד האט אים היינט געגעבן ביים קויפן דעם אקס, און אויב איז דאס פאלשע געלט איז דאס פונעם איד, אזוי ווי די פאליציי האבן געהערט די ווערטער האבן זיי ארעסטירט דעם גוי פארן באשווינדלען דעם איד, און דער איד האט באקומען זיין אקס וואס ער האט פארקויפט, און דער גוי איז אריין אין תפיסה פארן וועלן בא׳גנב׳נען דעם איד,

**יארצייט**
**זונטאג י״ז תמוז**

**הרה״ק רבי מרדכי לייב ב״ר נפתלי הירץ זי״ע, (ווינקלער), בעל לבושי מרדכי, אב״ד מאד,**

ער איז געבוירן אין שטאט לפאנטאוויץ, בשנת תר״ד,

צו זיין טאטן הרב ר׳ נפתלי הירץ ז״ל,

און צו זיין מאמע הצדקת מרת לאה ע״ה,

דער צדיק דער הייליגער לבושי מרדכי זי״ע איז געבוירן געווארן צו גאר פשוטע עלטערן, אבער די עלטערן זענען געווען גאר ערליך און געדינט דעם באשעפער מיט א געוואלדיגע תמימות, דער טאטע זיינער האט עוסק געווען אין מסחר און געווען א נהנה מגיעי כפו, און דער טאטע פלעגט יעדע וואך ארום פארן אין די מרחקים פאר געשעפטן, אבער אויפן גאנצן וועג האט ער כסדר געשעפשעט תהילים און געווען מפורסם אלס א ערליכער סוחר,

אויך די מאמע איז געווען מפורסם אלס א אשה כשרה און א צניעה, זי האט זיך אפ געגעבן מיט איר קינד אז ער זאל וואקסן א ערליך קינד, און ווען ער איז עלטער געווארן האט די מאמע אים באזארגט מיט א מקום ווי ער זאל קענען וואקסן אין תורה, די עלטערן אפילו זיי זענען נישט געווען קיין עשירים און דער טאטע האט געארבעט שווער אויף פרנסה, אבער ווען עס איז געקומען צו די הצלחה פונעם קינד, האבן די עלטערן אוועק געגעבן אלעס נאר אז דער קינד זאל קענען מצליח זיין און וואקסן אין תורה,

דער גאון איז אלס קינד געווען א שוואכער בגוף, און דערפאר ווען עס איז געווען שטארק קאלט אין די גאס, האט די מאמע די צדקת געטראגן דעם קינד צום מלמד מיט א מסירת נפש, און טאקע א דאנק דעם האט די קינד מרדכי לייב געהארעוועט אויף תורה מיט א געוואלדיגע התמדה, און איז אויס געוואקסן איינע פון די גרעסטע גדולים בדורו, און האט פארשיינט די וועלט מיט זיין תורה און קדושה און אויף געשטעלט תלמידים אין די הונדערטער ובתוכם אסאך פון די גדולי הדור וואס האבן ממשיך געווען מיט הרבצת התורה בזכות פון זייער גרויסן רבין,

ער איז געווען א איש קדוש מאוד, ער איז געווען מפורסם אלס א גאון וגדול בתורה און איינע פון די פוסקים און דער עמוד ההוראה אין גאנץ מדינת אונגארין, אויך פון אלע מדינת ארום אונגארין האבן זיך גרויסע גדולים וגאונים בדורו מפלפל געווען מיט דעם גאון אין תורה און בהלכה, דער גאון האט מרביץ תורה געווען מיט א מסירת נפש ממש פאר טויזענטער תלמידים גאונים וגדולים בדורו, זיין התמדת התורה איז געווען בלי גבול ממש,

דער גאון פלעגט כמעט יעדע נאכט אויף זיין די גאנצע נאכט און עוסק געווען בתורה מיט א דביקות און התמדת התורה עד אין לשער, און כסדר פלעגט דער גאון קומען אינדערפרי אין ביהמ״ד בעטן איינע פון די אידן, אז מען זאל אים יוצא זיין מיט ברכת התורה, ער איז געווען באוויסט אלס א בעל רוח הקודש אמיתי און אלס א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, צדיקים האבן מעיד געווען, אז דער גאון דער הייליגער לבושי מרדכי האט זוכה געווען צו גילוי אליהו ז״ל, אויך איז דער צדיק געווען מפורסם אלס א לוחם מלחמות ד׳ במסירת נפש, ער איז געווען דער ראש וראשון ווען עס איז געקומען צו סיי וואס האט זיך גערעדט וועגן מסורה אדער אין אידישקייט, און דער צדיק האט מוחה געווען און זיך ארויס געשטעלט מיט א מסירת נפש,

זיינע תלמידים האבן כסדר דערציילט פון די גרויסע התמדת התורה און דביקות בתורה מיט וואס זייער גרויסע רבי דער הייליגער לבושי מרדכי זי״ע האט געלערנט די הייליגע תורה, האט דערציילט איין תלמיד, אז איין נאכט בעפאר ער איז ארויס פונעם ביהמ״ד, האט ער געזעהן דעם רבין דער הייליגער לבושי מרדכי זי״ע שטיין ביים ספרים שאנק און איז מעיין אין א ספר, לפלא דעם קומענדיגע פארטאג׳ס ווען ער איז געקומען אין ביהמ״ד, האט ער געזהן דעם רבין שטיין ממש אויפן זעלבן פלאץ און מיטן זעלבן ספר, און דער צדיק איז געשטאנען די גאנצע נאכט אויפן זעלבן פלאץ, אזוי דבוק איז דער צדיק געווען אין תורה, אז ער האט אפילו נישט באמערקט אז די נאכט איז אריבער,

ביי די 12 יאר אלט איז ער שוין געווען מפורסם אלס א עילוי נפלא בתורה, ער איז שוין דאן געווען א בקי אין די דריי בבא׳ס בעל פה און האט שוין דאן געשריבן אייגענע חידושים נפלאים, ער האט זוכה געווען צו לערנען ביי דריי פון די גרויסע תלמידים פנעם הייליגען חתם סופר מפרשבורג זי״ע, און דער גאון האט זיך צוליב

דעם געהאלטן אלס א תלמיד פונעם הייליגען חתם סופר זי"ע און זיך אסאך געפירט לויטן שיטת החתם סופר זי"ע.

ביי די 12 יאר איז ער געפארן לערנען אין די ישיבה פון הגה"ק רבי זאב וואלף הירשלער (הנקרא רבי וואלף תרצה'ס) בעל תפארת שבת אב"ד טאפאלטשאן זי"ע, און ער איז שוין דאן געווען פארעכנט צווישן די חשובה און געהויבענע תלמידים ביים גאון רבי זאב וואלף זי"ע, שפעטער איז ער אריבער לערנען אין די ישיבה פון הגה"ק רבי מרדכי יהודה גליק אב"ד יאהאננא זי"ע, אויך ווערט געברענגט אז ער האט געלערנט ביים גאון וקדוש רבי יהודה אסאד אב"ד סערדאהעלי זי"ע.

א שטיק צייט שפעטער איז ער אריבער לערנען אין די ישיבה פון הגה"ק רבי יצחק אהרן לאנדסבערג בעל מטה אהרן מיעמרינג זי"ע, וואס איז געווען פון די גרויסע תלמידים פונעם הייליגען חתם סופר זי"ע, און דעם רבין האט ער געהאלטן אלס זיין רבו מובהק, און פון דעם רבין האט ער גאר אסאך פון זיין תורה מקבל געווען, אויך זיין דרך אין עבודת השם האט ער מקבל געווען פון דעם רבין, אויך האט ער פאר א שטיק צייט געלערנט ביי דעם גאון הגה"ק רבי יצחק משה פערלס בעל בית נאמן אב"ד באניהאד זי"ע, און אויך ביים גאון הגה"ק רבי אברהם ישכר דוב לייכטאג אב"ד הידאלמאש באנפי–הוניאד זי"ע.

אויך איז באקאנט אז דער גאון האט זוכה געווען צו לערנען פאר א שטיק צייט אין די גרויסע ישיבה אין שטאט פרשבורג ביי הגה"ק רבי אברהם שמואל בנימין סופר בעל כתב סופר מפרשבורג זי"ע, דער זוהן פונעם הייליגען חתם סופר זי"ע, און ער האט זוכה געווען צו א געוואלדיגע קרבה ביים הייליגען כתב סופר זי"ע, און שפעטער נאך די חתונה האט ער באקומען הוראה פונעם הייליגען כתב סופר זי"ע און אויך פון זיינע אנדערע רבי'ס וואס האבן אלע אייניג מעיד געווען אויף זיין גדלות וחריפות בתורה ובהלכה.

בשנת תרכ"ט האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת רבקה ע"ה,
בת הרה"צ רבי מנחם מענדל קרויז מהוניאד זי"ע.

זיין שווער איז געווען א תלמיד חכם און א גביר עצום, און האט דעם איידעם גענומען אויף קעסט כדי ער זאל קענען ווייטער עוסק זיין נאר אין תורה און עבודת השם דעם גאנצן טאג, און דער צדיק דער הייליגער לבושי מרדכי זי"ע האט יענע יארן עוסק געווען בתורה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה און קדושה, דער צדיק איז ממש געווען אויס געטון פון עולם הזה און נאר געווען שקוע בתורה, און טאקע יענע צייט איז דער גאון מפורסם געווארן אין גאנץ רומניה אלס א איש קדוש מאוד און א בקי וחריף בתורה.

די רעבעצין די צדקת מרת רבקה ע"ה איז געווען שטארק מפורסם מיט איר געוואלדיגע צדקת און צניעות, אבער ספעציעל איז זי געווען מפורסם אלס דער אמתע עזר לקודש, זי האט זיך איבער געגעבן פאר איר הייליגע מאן מיט א אמתע מסירת נפש, 63 יאר כולם שוין לטובה האט די רעבעצין באדינט איר הייליג מאן.

ווי דער גאון אליין האט מעיד געווען, אז אסאך פון זיין תורה קומט ער שטארקע הכרת הטוב פאר זיין רעבעצין וואס האט אלעם פון איר לעבן אוועק געגעבן אז איר הייליג מאן זאל קענען נאר זיין פארנומען מיט תורה, און דער גאון האט זיין גאנץ לעבן פיל מאל ארויס געברענגט זיין הכרת הטוב אויף די געוואלדיגע איבערגעגעבענקייט פון זיין רעבעצין די אלע יארן.

ווי דער מנהג בימים ההם איז געווען, אז מען האט אויף גענומען א רב אויף איין גרויסע שטאט, אבער ער האט געדינט אלס רב אויך אין אסאך קליינע שטעטליך וואס זענען געווען בשכינות פון דעם גרויסן שטאט, וויבאלד נישט יעדע קליינע שטאט האט געקענט אויס האלטן א רב נאר פאר זייער שטעטל, זיין רבי הגה"ק רבי יצחק אהרן לאנדסבערג אב"ד גרויסווארדיין זי"ע האט דאן געדינט אין נאך אסאך שטעט ארום אלס רב.

איינע פון די טעג איז זיין רבי געפארן מיטן תלמיד רבי מרדכי לייב זי"ע צום שטאט מעזא–טעלעגד וואס איז געווען בשכינות פון שטאט גרויסווארדיין, ווען זיי זענען אנגעקומען אין שטאט האט דער גאון רבי יצחק אהרן פאריפן אן אסיפה, און ווען ער האט אנגעהויבן זיין דרשה פאר די אידן פון שטאט, האט דער גאון רבי יצחק אהרן זי"ע זיי געזאגט,

איך פיר מיך צו קומען צוויי מאל א יאר צו זאגן א דרשה בהלכה דא אין שטאט, אבער יעצט זעה איך אז די שטאט איז ב"ה געוואקסן צו א שיינע קהילה, דערפאר זאג איך ענק נעמט אויף מיין תלמיד רבי מרדכי לייב וואס איז א גדול בישראל אלס רב ביי ענק אין שטאט,

און די בעלי בתים פונעם שטאט האבן טאקע דאן אויף גענומען דעם הייליגען לבושי מרדכי זי"ע אלס רב ביי זיי אין שטאט, און נישט לאנג נאכדעם האבן די אידן פון שטאט איינגעזעהן דעם הייליגען לבושי מרדכי'ס גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע צדקות.

דער הייליגער לבושי מרדכי זי"ע האט דארט אין שטאט אויך געשטעלט זיין ישיבה, וואס האט צו זיך צו געצויגן בחורים גדולים בתורה וביראת שמים ומידות טובות, גאר אסאך בחורים פון שטעט ארום זענען געקומען לערנען ביים גאון, און גאנץ שנעל איז די ישיבה געווארן מפורסם אלס איינע פון די גרעסטע ישיבות אין רומניה.

בשנת תרס"א אפאר יאר נאכן הסתלקות פון הגה"ק רבי נפתלי הכהן שווארץ אב"ד מאד זי"ע דער זוהן פון הגה"ק רבי אברהם יהודה בעל קול ארי' אב"ד מאד זי"ע, האט מען דעם גאון רבי מרדכי לייב זי"ע אויף גענומען אלס רב אין שטאט מאד, און דארט האט דער גאון געדינט אלס רב פאר איבער 30 יאר כולן שוין לטובה, די אידן פון שטאט מאד האבן דעם גאון אויף גענומען מיט גרויס כבוד וויסענדיג וואסערע גאון וגדול בתורה ער איז שוין דאן געווען, אויך זיין געוואלדיגע התנהגות בקדושה איז געווען עד אין לשער.

דער גאון איז אויך געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע עניוות און מידות טובות וואס ער האט פארמאגט, אבער מיט דעם אלעם האבן כמעט אלע גדולים וגאונים וצדיקים בדורו ממש מפליא געווען זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה מיט וואס ער האט זיך געפירט.

הגה"ק רבי חיים מרדכי יעקב גאטליב בעל יגל יעקב אב"ד מישקאלץ זי"ע שרייבט אויפן גאון דער הייליגער לבושי מרדכי זי"ע בזה"ל, "רבן של כל המדינה, והדר גאון עוזה, דשמעתתיה מבדרים בעלמא, אלפים תלמידים חכמים שמשכימים לפתחו".

מען קען זעהן וואס דער וועלט'ס גאון הגה"ק רבי שמואל ענגיל מראדומישלא זי"ע שרייבט אויפן גאון רבי מרדכי לייב זי"ע בזה"ל, "ידיד נפשי הגאון האמיתי צדיק נשגב", אויך שרייבט דער גאון רבי שמואל ענגיל זי"ע אין א בריוו צום גאון רבי מרדכי לייב זי"ע בזה"ל, "לכבוד האי גברא רבה, הרב הגאון המפורסם בכל קצוי ארץ, בתורה וביראה", און ווי דער גאון רבי שמואל ענגיל האט זיך אמאל אויס געדריקט בזה"ל, "צדיק יסוד עולם, א צדיק גמור, וואס לא יאונה כל און".

דאס גאונות וחריפות בתורה פון דעם גאון רבי מרדכי לייב זי"ע איז געווען מבהיל על הרעיון, ער פלעגט שרייבן כסדר גאר טיפע תשובות בהלכה אן אפילו ברויכן דאס נאכקוקן אין גמרא שולחן ערוך און אן אפילו ברויכן קוקן אין תשובה ספרים פון די גדולי האחרונים, ווייל דער גאון האט דאס אלעס געדענקט בעל פה, און דערפאר ווערט דערציילט, אז דער גאון פלעגט ענטפערן אפילו גאר שווערער תשובות זייענדיג אויפן וועג, ווייל די ד' חלקי שו"ע זענען געווען ממש שגור בפי פון דעם גרויסן גאון, כמעט אלע גאונים וגדולים בדורו האבן דעם גאון'ס קלארקייט ממש מפליא געווען און באוואונדערט זיין קלארע פארשטאנט.

אויך איז דער גאון געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע ישרות און גלייכקייט און קלארקייט מיטן ארויס ברענגען יעדע הלכה און תשובה ממש גאר קלאר אז יעדער האט דאס געקענט פארשטיין, און דערפאר האט דער גאון טאקע זוכה געווען, אז בדורו און אפילו נאך זיין הסתלקות איז מקיים געווארן "הלכה כמותו", זיינע פסקים און תשובות זענען אנגענומען געווארן ביי אלע גדולי הדור וויסענדיג אז דער גאון פארשטייט יעדע מקצועה קלאר און אויב ער האט אזוי גע'פסק'נט איז דאס זיכער די הלכה.

דארט אין שטאט מאד האט דער גאון אויך געשטעלט זיין ישיבה וואס איז געווען פון די גרעסטע ישיבות אין גאנץ אונגארין, הונדערטער בחורים גאונים וגדולים בתורה זענען געקומען לערנען תורה ביי דעם גרויסן גאון הדור, און פון זיין ישיבה זענען ארויס געקומען גאר אסאך גדולי הדור ובתוכם,

הגה"ק רבי מרדכי בריסק בעל מהר"ם בריסק אב"ד טאשנאד זי"ע,

הגה"ק רבי דוד יהודה זילבערשטיין בעל שבילי דוד אב"ד זענטא זי"ע,

הגה"ק רבי עזריאל יהודה לעבאוויטש בעל עזר מיהודה אב"ד וויען זי"ע,

הגה"ק רבי דוד מאשקאוויטש אב"ד באניהאד זי"ע,

הגה"ק רבי חנני' יו"ט ליפא דייטש אב"ד העלמעץ זי"ע,

הגה"ק רבי חנני' יו"ט ליפא גראסמאן ממישקאלץ זי"ע,

הגה"ק רבי יעקב יוסף סג"ל יונגרייז אב"ד ניר–מאדע זי"ע,

הגה"ק רבי מנחם צבי ראזנבערג דומ"ץ דעברעצין זי"ע,

הגה"ק רבי משה חיים גרינפעלד בעל חיים ברצונו אב"ד סענפעטער זי"ע, הי"ד,

הגה"ק רבי משה יהודה עהרענרייך דומ"ץ שאמלויא זי"ע,
הגה"ק רבי עקיבא פינחס קארניצער אב"ד טאלטשווא זי"ע, הי"ד,
הגה"ק רבי שלמה זלמן שטערן דומ"ץ טעמעשוואר זי"ע,

דער הייליגער לבושי מרדכי זי"ע האט דעם ישיבה געפירט מיט א געוואלדיגע יראה און ערנסקייט, ער האט מקפיד געווען צו לערנען מיט זיין געהויבענע תלמידים יעדן טאג א שיעור אין מוסר אין ספר חובת הלבבות, אבער אפילו מיט זיין התנהגות בקדושה וטהרה און מיט א יראת הרוממות, האט דער גאון ארויס געוויזן א געוואלדיגע אהבה פאר יעדן תלמיד, און אפילו זייענדיג א גאון הדור און איינע פון די גרעסטע פוסקים בדורו, האט דער גאון אבער געשעדט מיט זיינע תלמידים מיט א געוואלדיגע כבוד, און דער גאון האט כסדר גערעדט מיט א געוואלדיגע פשטות, אז מיט א בן תורה ברויך מען רעדן מיט כבוד, און דער גאון פלעגט זיך כסדר אויף שטעלן מיט כבוד אפילו פאר א יונגען בחור וואס האט געלערנט תורה,

דער צדיק דער הייליגער לבושי מרדכי זי"ע איז געווען מפורסם אלס א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ חוץ לדרך הטבע ממש, הונדערטער אידן האבן דערציילט פון ישועות וואס זיי האבן גע'פועל'ט מיט א ברכה פון דעם צדיק, ער האט אבער כסדר פראבירט צו באהאלטן זיין גרויסן כוח און כסדר פארדעקט די ישועות כדי צו באהאלטן זיין געוואלדיגע כוח פון פועל'ן ישועות,

דער צדיק דער הייליגער לבושי מרדכי זי"ע איז געווען מפורסם אלס א איש האמת און א מדקדק בהלכה מיט אלע חומרות, אויך איז ער געווען באוויסט אלס איינע פון די גרעסטע בעלי צדקה וחסד בדורו, ער האט אוועק געגעבן כמעט יעדע פרוטה וואס ער האט כסדר באקומען אלס פדיונות ווען הונדערטער אידן זענען זיך געקומען מזכיר זיין פאר א ברכה, ווייל דער גאון האט באמת גארנישט געברויכט, נאר איין זאך איז ביי דעם גאון געווען חשוב, און דאס איז די הייליגע תורה די ד' אמות של הלכה, און פארשטייט זיך זיינע געהויבענע תלמידים וואס זענען ביי אים געווען גאר שטארק באליבט,

עס איז באקאנט די רייד פונעם הייליגען חתם סופר זי"ע וואס האט געשריבן צום גרויסן גאון רבי מרדכי באנעט מניקלשבורג זי"ע, אז ב"ה אז עס זענען דא יראי ד' וואס נעמען נישט אין די האנט א נייעם ספר, נאר אויב עס האט אן הסכמה פון א רב וואס איז באקאנט אלס א יראי ד', און טאקע רוב גאונים וואס האבן מחבר געווען חיבורים אין די צייט פונעם הייליגען לבושי מרדכי זי"ע, זענען געקומען נעמען אן הסכמה פונעם הייליגען לבושי מרדכי זי"ע וויסענדיג אז ער איז א אמתע יראי' ד' און א איש קדוש מאוד, און אפילו מען האט יענע צייט נישט אזוי פיל ספרים ארויסגעגעבן, האט דער גאון בחייו געגעבן הסכמות אויף איבער 150 ספרים,

דער גאון דער הייליגער לבושי מרדכי זי"ע איז געווען איינע פון די דריי עמודי ההוראה אין אונגארין צוזאמען מיט די אנדערע צוויי גאונים וגדולים בדורו הגה"ק רבי ישעי' זילבערשטיין אב"ד וויטצען זי"ע און הגה"ק רבי שמעון גרינפלד בעל המהרש"ג מסערדאהעלי זי"ע,

דער צדיק דער הייליגער לבושי מרדכי זי"ע איז געווען מפורסם אלס איינע פון די גרעסטע בעלי צדקה וחסד בדורו, ער האט ממש אוועק געגעבן דאס גאנצע געלט יעדן טאג און עס האט נישט איבערגענעכטיגט קיין פרוטה אין שטוב פונעם צדיק, ער פלעגט דאס גאנצע געהאלט וואס ער האט באקומען וועכענטליך אוועק געבן פאר די ארימע בחורים אז זיי זאלן האבן וואס צו עסן,

ווערט דערציילט, אז דער גאון וקדוש דער הייליגער לבושי מרדכי איז געווען אזא גרויסע פזרון און א גוט הארץ, אז ער פלעגט ממש אוועק טיילן זיין גאנצע געהאלט פאר ארימעלייט און צובראכענע אידן, דערפאר האט מען געשטעלט א משמש אין שטוב וואס זאל היטן אז מען זאל נישט קומען דערקיטשען דעם גאון פאר צדקה, כדי עס זאל כאטש בלייבן עפעס אין שטוב, אבער ווען די ראשי הקהלה האבן געזעהן אז מיט דעם אלעם בלייבט נישט קיין פרוטה ביים גאון אין שטוב, האבן זיי יעדע וואך אראפ גענומען א חלק פונעם געהאלט און דאס גלייך געגעבן פאר די רעבעצין,

זיין ערליכקייט און אפגעהיטענקייט איז געווען ממש עד להפליא, ער האט מקיים געווען יעדן הלכה אין שולחן ערוך מיט א געוואלדיגע אפגעהיטענקייט און א מאמר חז"ל איז געווען ביים הייליגען לבושי מרדכי אמת ויציב, איינמאל ווינטער זענען געקומען צוויי סוחרים צו א דין תורה ביים הייליגען לבושי מרדכי, און ווען די דיינים האבן געוואלט צווישן זיך דורך גיין די גאנצע נושה ארויס צו געבן א פסק דין, האט דער גאון אנשטאט

ארויס שיקן די סוחרים פונעם ביהמ"ד צו די גאס, האט ער געהייסן פאר די אנדערע דיינים, אז מען זאל אריין גיין צו זיין פריוואטע שטוב,

עס איז געווען א גרויסע וואונדער פאר די אנדערע דיינים פארוואס דער גאון הייסט די דיינים זאלן זיך אויף שטעלן און אריין גיין אינעם אנדערן שטוב, האט דער גאון געזאגט פאר די דיינים, אינדרויסן איז דאס שרעקליך קאלט, קומט דאך אויס אז ווען מען לאזט די סוחרים אין ביהמ"ד איז מען מקיים מצוות הכנסת אורחים, אין פסוק שטייט דאך "אלקים ניצב בעדת א-ל", אז דער גרויסער באשעפער שטייט ביים דין תורה, אבער חז"ל זאגן דאך גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה, קומט דאך אויס אז מקיים צו זיין הכנסת אורחים איז גרעסער ווי פסק'נען א דין תורה, דערפאר האט ער געהייסן פאר די דיינים ארויס צו גיין און פאר די סוחרים צו בלייבן אין ביהמ"ד,

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע חיבורים,

שו"ת לבושי מרדכי, 7 חלקים על ארבעה חלקי שו"ע,
ספר לבושי מרדכי, על מסכת נדרים,
ספר לבושי מרדכי, בסוגיה דעשה דוחה לא תעשה,
ספר ישב מצרף, בעניני תערובות,

ווי באקאנט האט דער גאון וקדוש דער הייליגער לבושי מרדכי זי"ע רוב פון זיין לעבן געלעבט אין א גרויסע דחקות צוליב וואס ער האט פארטיילט זיין גאנצע געלט פאר ארימעלייט, איין טאג אויף די עלטער האט איינע פון די גבירים אין שטאט געוואלט לאזן מאכן פרישע קליידער פארן רב, וויבאלד זיינע קליידער זענען שוין געווען איינגאנצען אפגעניצט, אבער דער גאון האט בשום אופן נישט געוואלט מסכים זיין און געזאגט, איך האב שוין שיינע לבושים, מיין ספר "לבושי מרדכי",

ער האט איבער געלאזט איין בת יחידה הרבנית הצדקת מרת שינדל ע"ה, אשת הגה"ק רבי יוסף צבי דושינסקי גאב"ד העדה החרדית מירושלים זי"ע,

ביים לוי' פונעם גרויסן גאון וקדוש דער הייליגער לבושי מרדכי זי"ע, האט מספיד געווען דער ערשטער הגה"ק רבי חיים צבי עהרנרייך בעל קצה המטה אב"ד מאד זי"ע, דערנאך האט מספיד געווען לויטן צוואה פונעם צדיק זיין געוועזענע איידעם הגה"ק רבי יוסף צבי דושינסקי זי"ע, און דער איידעם האט דאן מגלה געווען פארן ציבור, אז אליהו הנביא ז"ל איז געווען א אפטער גאסט ביים הייליגען לבושי מרדכי זי"ע, אבער ער האט דאס זיין גאנץ לעבן באהאלטן צוליב זיין געוואלדיגע עניוות,

נסתלק לגנזי מרומים שבעה עשר בתמוז בשנת תרצ"ב זייענדיג 88 יאר אלט, ומנחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט מאד סמוך ונראה צום הייליגען קול ארי' זי"ע,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

זיין געהויבענע תלמיד הגה"ק רבי דוד מאשקאוויטש אב"ד באניהאד זי"ע דערציילט, אז ווען מען איז נאר אריין געגאנגען אין ספרים שטוב פונעם רבין דער הייליגער לבושי מרדכי זי"ע, האט מען געקענט פילן א ריח דקדושה ווי עס וואלט געווען פיל מיט גוטע בשמים ממש מעין עולם הבא בגן עדן, רוב טאג פונעם יאר פלעגט דער רבי דער הייליגער לבושי מרדכי זיך לאזן מוציא זיין צופרי מיט ברכת התורה דורך איינע פון די תלמידים, וויבאלד ער איז רוב נעכט בכלל נישט געשלאפן, נאר ער איז די גאנצע נאכט געזעצן און עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה און געשריבן זיין טיפע תשובות בהלכה,

דער תלמיד מובהק הגה"ק רבי עזריאל יהודה לעבאוויטש אב"ד וויען זי"ע וואס איז אליין געווען א גאון וגדול בתורה און א צדיק מפורסם וואס האט אויף געשטעלט תלמידים אין די טויזענטער האט דערציילט, אז גאנץ חנוכה האט דער רבי דער צדיק דער הייליגער לבושי מרדכי זי"ע נישט פארמאכט קיין אויג ביינאכט און אפילו אויף די עלטערע יארן העכער די 80 יאר אלט איז דער צדיק דער לבושי מרדכי געזעצן און עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה,

מען האט ממש געזען ווי דער גאון ליגט אין די תורה און איז מקיים דעם "כי הם חיינו ואורך ימינו", און טאקע דאס האט איבער געלאזט אן השפעה אויף די תלמידים זענענדיג א איד וואס האט נאר איין זאך אויף די וועלט און דאס איז תורה, תורה, און נאכאמאל תורה, נישט אומזינסט האט דער צדיק זוכה געווען ארויס צו געבן הונדערטער תלמידים גאונים וגדולים בתורה, וואס

האבן ווייטער ממשיך געווען דעם דרך פון זייער גרויסן רבין.

דער תלמיד הגה"ק רבי עזריאל יהודה לעבאוויטש זי"ע האט דערציילט, אז דער רב דער הייליגער לבושי מרדכי זי"ע פלעגט פורים טרינקען א גאר גרויסע סכום וויין צו מקיים זיין דעם עד דלא ידע, חיים איניש לבסומי בפוריא, און ער האט דאס מקיים געווען מיט אלע הידורים.

און דאן פלעגן קומען אידן פון אלע שטעט ארום, און אריינכאפן ברכות פונעם צדיק, דער צדיק פלעגט זיך דאן צו בייגן צו יעדן איינעם און אריין זאגן עפעס, און מען האט דאן געזעהן ממש אפענע רוח הקדוש וואס דער צדיק האט געזאגט, אויך האט מען דאן גע'פועל'ט ישועות ביי דעם צדיק חוץ לדרך הטבע.

איין יאר פורים איז דער תלמיד רבי עזריאל יהודה לעבאוויטש זי"ע נאך אלס בחור צו געגאנגען צו זיין רבין און געבעטן א ברכה, האט אים זיין הייליגען רבי דער לבושי מרדכי זי"ע געבענטשט בזה"ל, "דו וועסט זוכה זיין מרביץ תורה צו זיין", פארן תלמיד איז דאן די ברכה נישט געווען אזא גרויסע ברכה, ווייל יענע צייט צו ווערן א רבי אדער א דיין האט געמיינט לעבן אין א דחקות אין ארימקייט.

איז דער תלמיד רבי עזריאל יהודה נאכאמאל צו געגאנגען צו זיין רבין נעמען א ברכה, אבער זיין רבי האט אים געזאגט, "איך האב דאך דיר שוין געזאגט, אז דו וועסט זוכה זיין צו זיין א מרביץ תורה", און אויך ווען דער תלמיד האט זיך געזעגנט פון זיין גרויסן רבין דער הייליגער לבושי מרדכי זי"ע, האט אים זיין רבי געזאגט, היות איר האט מיך שטארק מהנה געווען, מיטן זיין מיט מיר דא יו"ט כדי איך זאל קענען האבן א מנין צו דאווענען, וועט איר האבן סייעתא דשמיא, און איר וועט זוכה זיין צו האבן אסאך תלמידים, און ווי איר וועט נאר גיין וועט איר מצליח זיין.

פארשטייט זיך אז ברכת צדיק עושה רושם, און די ברכה איז פולקאם מקוים געווארן, און יארן שפעטער האט דער תלמיד דער גאון רבי עזריאל יהודה זי"ע אויף געשטעלט טויזענטער תלמידים הגונים וישרים תלמידי חכמים עצומים, וואס פון זיינע תלמידים זענען ארויס געקומען גאר אסאך גאונים וואס האבן ממשיך געווען צו מרביץ תורה זיין אויפן וועג וואס זייער רבי האט אין זיי אריין געלייגט.

ווי באקאנט איז דער גאון דער הייליגער לבושי מרדכי זי"ע געווען א עניו ושפל ברך און באמת גארנישט געהאלטן פון זיך, דערציילט מען, אז איינמאל איז געקומען צום שטאט סערענטש דער הייליגער מנחת אלעזר ממונקאטש זי"ע, און דער הייליגער לבושי מרדכי זי"ע איז אויך דאן דארט געווען, איז דער הייליגער מנחת אלעזר אריין נעמען שלום פונעם צדיק דער לבושי מרדכי זי"ע, און דער מנחת אלעזר האט א קיש געגעבן פארן לבושי מרדכי אויף די הענט.

גלייך האט דער הייליגער לבושי מרדכי צוריק געקישט די האנט פונעם מנחות אלעזר, וואס אפילו דער מנחת אלעזר איז געווען אסאך יונגער ווי אים, האט ער באמת נישט געזעהן פארוואס ער זאל נישט צוריק מכבד זיין דעם מנחת אלעזר מיט א קיש אויף די האנט, ווייל דער גאון אפילו זייענדיג פון די גרעסטע גדולים בדורו, האט ער אבער מכבד געווען יעדן תלמיד חכם און צדיק אפילו יונגער ווי אים, און דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע האט זיך אמאל אויס געדריקט אויפן צדיק דער לבושי מרדכי זי"ע, "ער לערנט תורה לשמה".

דער תלמיד חביב הגה"ק רבי חנני' יו"ט ליפא דייטש אב"ד העלמעץ זי"ע האט דערציילט, אז איינמאל איז אריינגעקומען צום רבין דער הייליגער לבושי מרדכי זי"ע א איד, און ער האט זיך באקלאגט אז ער האט א קרעטשמע וואס פון דארט האט ער פרנסה, אבער א גוי א שכן האט אונטערגעשטעלט פאר אים שפיצלעך און האט אים אנגעמאכט צרות, ביז ער האט פארלוירן ל"ע זיין פרנסה.

דער הייליגער לבושי מרדכי זי"ע וואס איז דאך געווען א עניו מאוד האט געזאגט פאר דעם איד, בין איך דען א רבי וואס קען דיר העלפן, אבער גלייך האט ער געזאגט פאר זיין תלמיד דער העלמעצער רב זי"ע, ברענג מיר א רמב"ם, און דער הייליגער לבושי מרדכי זי"ע האט געוויזן, אז די הייליגער רמב"ם שרייבט (הלכות מלכים פ"ט הלכה ט'), בן נח חייב על הגזל, בין שגנב עכו"ם בין שגזל ישראל, אז א בן נח וואס מיינט אויך א גוי, וואס בא'גנב'עט א איד איז חייב מיתה, לפלא נאך א טאג צוויי האט מען געהערט, אז יענער גוי האט גע'פגר'ט, מען האט דעם גוי געטראפן טויט אין טייך פונעם שטאט, און דער איד איז ב"ה אויף געלאכטן געווארן.

צו פארשטיין די געוואלדיגע עניוות פונעם הייליגען צדיק דער לבושי מרדכי זי"ע וואס איז געווען באמת

איינע פון די גרעסטע גדולים ופוסקים בדורו, איז ראטזאם צו דערציילן וואס הגה"ק רבי ישראל טויסיג ממאטערסדארף זי"ע האט דערציילט, אז איינמאל האט דער הייליגער לבושי מרדכי געשריבן א בריוו צו א איד, און דער צדיק האט דארט געשריבן זייער אסאך תוארים און שבחים אויף יענעם איד, האט איינער געפרעגט דעם הייליגן לבושי מרדכי זי"ע, פארוואס ער שרייבט אזויפיל שבחים אויף יענעם איד, האט דער גאון וקדוש געזאגט מיט א פשטות, "וואס איז שוין, אויף מיר שרייבט מען דאך אויך אזויפיל שבחים", דער גאון האט באמת נישט געהאלטן אז ער איז מער חשוב ווי יענעם איד,

דער תלמיד מובהק הגה"ק רבי עזריאל יודא לעבאוויטש אב"ד וויען זי"ע האט פארציילט, אז ווען ער האט זיך פארהערט די הוראה ביי זיין רבי'ן דער הייליגער לבושי מרדכי זי"ע, האט ער אים אריין גערופן אין א געוויסע צימער אין זיין הויז און דארט האט ער איהם פארהערט,

ווען דער תלמיד האט שפעטער געפרעגט זיין רבין דער לבושי מרדכי זי"ע, פארוואס ער האט אים דעמאלס פארהערט דווקא אין יענעם צימער, האט זיין רבי געענטפערט מיט א געוואלדיגע פשטות, אז היות ער גרייט זיך אים צו געבן א היתר הוראה צו פסק'נען שאלות, ברויך ער דאך א געוואלדיגע סייעתא דשמיא אז עס זאל נישט ארויס קומען קיין מכשול פון זיינע פסקים, און אין דעם צימער האט ער געהאט גילוי אליהו, וועגן דעם האט ער געקלערט אז דא וועט ער האבן מער סייעתא דשמיא,

איינע פון די גרויסע תלמידים פונעם הייליגען לבושי מרדכי זי"ע האט דערציילט, אז איינמאל זענען א קבוצה פון בחורים פונעם ישיבה געפארן קיין ראצפערט, און דאן האט זיך אויף געהאלטן דארט אין ראצפערט דער צדיק הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע, און ווען ער האט געטראפן די בחורים די תלמידים פונעם הייליגען לבושי מרדכי זי"ע, האט דער צדיק מבעלזא געפרעגט די בחורים ווי זיי לערנען, האבן זיי געזאגט, אז זיי לערנען אין די ישיבה פונעם הייליגען לבושי מרדכי,

דאן האט דער הייליגער בעלזא רב זי"ע זיי אויס געפרעגט דעם גאנצן סדר היום פון זייער רבין, ווען ער קומט אריין צום שיעור יעדן טאג, ווי לאנג זיין דאווענען נעמט טעגליך, און דאן האט די בעלזא רב זיי געפרעגט וועלכע מסכת זיי לערנען, האבן זיי געזאגט אז מען לערנט יעצט מסכת נדרים, האט ער זיי געבעטן צו זאגן א חידוש וואס זייער רבי דער הייליגער לבושי מרדכי האט געזאגט אויפן מסכת, האבן די תלמידים איבער געזאגט צוויי חידושים,

דאן האט די בעלזא רב אויף געמישט איין סוגיא אין נדרים און געפרעגט, אויב זייער רבי האט אויף די גמרא געזאגט א חידוש, די תלמידים האב נישט געוויסט צו זאגן פון א חידוש, אבער לפלא האט דער הייליגער צדיק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע זיי געזאגט, דאס איז די חידוש וואס אייער רבי האט געזאגט אויף די גמרא, און דער בעלזא רב האט זיי געזאגט דעם חידוש,

ווען די תלמידים זענען צוריק געקומען אין ישיבה אין שטאט מאד צו זייער רבין, האבן זיי איבער דערציילט פארן רבין די גאנצע מעשה מיטן בעלזא רב, און זיי האבן געפרעגט דעם רבי וועלכע חידוש ער האט געזאגט אויף יענעם גמרא, און לפלא האט דער הייליגער לבושי מרדכי זי"ע זיי געזאגט ממש יענעם חידוש וואס דער בעלזא רב האט זיי געזאגט,

אבער גלייך האט דער צדיק דער הייליגער לבושי מרדכי זי"ע מיט זיין גרויס ענוות געזאגט, מיינט נישט אז דאס איז געווען רוח הקודש, נאר דער בעלזער רב האט זייער א גוטן קאפ, און וויבאלד ער האט געהערט די ערשטע צוויי חידושים, האט ער שוין געוויסט מיין מהלך אין חידושים, און דערפאר האט ער געוויסט די חידוש וואס איך האב געזאגט אויף יענעם גמרא.

**יארצייט**
**מאנטאג י"ח תמוז**

**הרה"ק רבי יעקב ארי' ב"ר שלמה זי"ע, (גוטרמאן), בעל ביכורי אבי"ב, מראדזימין, הנקרא "דער גוטע יוד פין ראדזימין" אדער "הסבא קדישא מראדזימין",**

ער איז געבוירן אין שטאט ווארקא, בשנת תקנ"ב,

צו זיין טאטן הגה"ק החסיד הנגיד רבי שלמה מרוטשעוואל זי"ע, וואס איז געווען א תלמיד חכם עצום און א גרויסע בעל צדקה וחסד, ער האט אויסגעטיילט גרויסע סכומים פאר צדקה, און געווען א נהנה מיגיע כפו,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת בינה ע"ה, וואס איז געווען א דערהויבענע אידענע און א אשה צנועה וכשרה מאוד,

ער איז געווען א איש קדוש מאוד און א צדיק וחסיד, ער האט עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה און געדינט דעם באשעפער בקדושה ובטהרה, ער איז געווען א גאון מופלג בתורת הנגלה והנסתר, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום און א גאר גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, צדיקים האבן מעיד געווען, אז דער צדיק איז געווען א בעל רוח הקודש אמיתי, טויזנטער אידן ובתוכם צדיקי הדור האבן זיך מסתופף געווען בצלו פון דעם צדיק,

אין זיין יוגענט האט ער געלערנט ביי הגה"ק רבי שמואל הארציג בעל תורת שמואל מאפטא זי"ע, א תלמיד פון הגה"ק רבי עקיבא אייגער זי"ע,

נאך זייענדיג גאר יונג האט זיך דער צדיק מדבק געווען און הרה"ק בעל עבודת ישראל המגיד מקאזניץ זי"ע, און נאך זיין פטירה איז ער אריבער צום זוהן הרה"ק רבי משה בעל באר משה מקאזניץ זי"ע,

ער איז געווען איינע פון די גרויסע תלמידים פונעם הייליגען מגיד מקאזניץ זי"ע, דאס חביבות קען מען זען, פון דעם וואס דער הייליגער מגיד איז ספעציעל געקומען באשיינען די חתונה פון זיין געהויבענע תלמיד רבי יעקב ארי' זי"ע, און אלס דרשה געשאנק ביי די חתונה, האט אים זיין רבי דער מגיד געגעבן א גמרא בבא מציעא, וואס ער האט געהאט בירושה פון זיין רבין, און דער צדיק מראדזימין זי"ע האט געזאגט, אז ווען ער האט געלערנט אין די גמרא א נאמען פון א תנא אדער א אמורא, האט ער ממש געזען דעם תנא אדער אמורא שטיין פאר אים,

אויך האט ער זיך מסתופף געווען בצלו פון דעם הייליגען חוזה מלובלין זי"ע, און ער האט דערציילט, אז דאס ערשטע מאל וואס ער איז אנגעקומען צום הייליגען חוזה און געגעבן זיינע הענט פארן חוזה, האט ער געשפירט ווי א פייער גייט דורך פונעם רבין'ס הענט צו זיין גאנצע גוף, און דער צדיק מראדזימין האט געזאגט, אז דער חוזה זי"ע האט דאן פארברענט אלע זיינע תאוות הגשמיות, און פון דאן איז ער געווען אן אנדערע מענטש, און דאן האט דער הייליגער חוזה געזאגט, אז דעם נאמען פון דער הייליגען ראדזימינער איז מרומז אין די תורה הקדושה (שמות י"ג ד') הַיּוֹם אַתֶּם יֹצְאִים בְּחֹדֶשׁ הָאָבִיב, וואס די ווארט אביב איז ר"ת י'עקב א'ריה ב'ן ב'ינא,

שפעטער איז דער צדיק מראדזימין געווארן א תלמיד מובהק פון הרה"ק רבי בונם מפשיסחא זי"ע, אבער ער פלעגט דאן נאך אויך פארן צום מגיד מקאזניץ זי"ע,

איינמאל ווען ער איז געפארן זיך מסתופף זיין קיין קאזניץ, האט דער הייליגער קאזניצער מגיד געפרעגט דעם תלמיד רבי יעקב אריה זי"ע, "יענקליו זאל איך דיר בענטשן", דער תלמיד האט גלייך מורא געהאט וואס די רבי וויל אים זאגן, וויבאלד עס איז געווען באקאנט אז דער הייליגער חידושי הרי"ם האט ליידער פארלוירן זיינע קינדער בחיו פונעם הקפדה פון דעם קאזניצער מגיד, ווייל ער איז אריבער פון קאזניץ קיין פשיסחא, האט דער הייליגער ראדזימינער געטראכט, אז אפשר האט דער מגיד אויך אן הקפדה אויף אים,

אבער דער תלמיד מראדזימין האט געטראכט ביי זיך יעבור עלי מה, אויב די רבי וויל מיך בענטשן, וועל איך נעמען זיין ברכה נישט קיין חילוק וואס עס איז, דאן האט דער הייליגער קאזניצער מגיד געזאגט פארן תלמיד, בייג אראפ דיין קאפ, און ער האט ארויף געלייגט ידיו הקדושים, און געבענטשט דעם תלמיד און געזאגט, "יענקליו דו ווילסט דאך זיין א רבי, "נאך נישט יעצט, נאך אסאך צייט",

די מענטשן וואס זענען דארט געשטאנען האבן געמיינט, אז די רבי האט דעם תלמיד צו גענומען דאס רבנות,

אבער יארן שפעטער האט מען געזען די הייליגע אויגן פון דעם מגיד, אז זיין ברכה איז מקיים געווארן, וואס ווי באוויסט האט דער הייליגער ראדזימינער זי״ע גאר שטארק מאריך ימים געווען, און מען האט אים גערופען דער זקן האדמורי״ם, און ער האט איבער געלעבט כמעט אלע צדיקים פון זיין דור, דאן האט מען שוין פארשטאנען די ווייטע בליק פון זיין רבין מיט זיין ברכה ״נאך אסאך צייט״.

ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת חי׳ ע״ה,
בת הנגיד הגה״ק רבי בעריש מרוטשעוואל זי״ע.

דאן איז דער גאון געזעצן אויף קעסט ביים שווער, און ער האט עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, און באוויסט געווארן אלס א גאון און בקי בתורה, מען האט דעם גאון אן געטראגן רבנות שטעלע אין גרויסע שטעט, אבער דער גאון האט נישט געוואלט נעמען קיין רבנות, ווייל ער האט געוואלט זיצן און לערנען אן קיין שטערונגען,

אבער ליידער האט זיך א קורצע צייט נאך זיין חתונה דאס רעדל איבער געדרייט ביי זיין שווער, און דער שווער איז געווארן א יורד מנכסיו, דאן האט זיך דער גאון פארדינגען אלס מלמד אין זיין שטאט, און ער האט דאן געדינט אלס מלמד אין שטאט פאר א שטיק צייט,

בשנת תקפ״ז ווען זיין רבי הרה״ק רבי בונם מפשיסחא זי״ע איז נסתלק געווארן, האבן זיך די חסידים צעטיילט, א חלק האבן זיך מדבק געווען אונעם תלמיד מובהק הרה״ק רבי מנחם מענדל השרף מקוצק זי״ע, און א חלק פון די חסידים ובתוכם דער הייליגער ראדזימינער, האבן זיך מדבק געווען אונעם זון הרה״ק רבי אברהם משה מפשיסחא זי״ע,

אבער ליידער האט רבי אברהם משה זי״ע נישט מאריך ימים געווען, און נאך זיין הסתלקות האט איבער גענומען הרה״ק רבי יצחק מווארקא זי״ע,

בשנת תר״ח ווען הרה״ק רבי יצחק מווארקא זי״ע איז נסתלק געווארן, האט ממלא מקום געווען הרה״ק רבי שרגא פייבל דאנציגער מגראניצא זי״ע, אבער ליידער האט ער אויך נישט מאריך ימים געווען, און נאך זיין הסתלקות בערך בשנת תר״ט האט די רבי אנגעהויבן פירן דאס רבנות אין שטאט ראדזימין,

ווי באקאנט האט דער הייליגער ראדזימינער מאריך ימים געווען און געפירט די עדה הקדושה אין ראדזימין גאר א לאנגע צייט, מען האט אים גערופען דער זקן האדמורי״ם, הונדערטער אידן האבן זיך מדבק געווען אין דעם צדיק און געקומען מיט האלטן זיין הייליגע עבודה וואס איז צוגעגאנגען מיט א ברען פארן באשעפער, זיין עבודת התפילה איז געווען מיט א אש קודש,

ער האט געהאט גאר אסאך תלמידים און חסידים גדולים וצדיקים בדורו ובתוכם,

הרה״ק רבי יחיאל מאיר מגוסטנין זי״ע,
הרה״ק רבי ברוך מטשיזעווע זי״ע,
הרה״ק רבי אלעזר הכהן אב״ד סאכיטשאב זי״ע,
הרה״ק רבי ירחמיאל ישראל יצחק בעל ישמח ישראל מאלכסנדר זי״ע,
הרה״ק רבי פתחיה הארענבלאס בעל פתחי עזרה אב״ד ווארשא זי״ע,

ווי באקאנט האט דער הייליגער חידושי הרי״ם זי״ע געהאט א שטארקע חביבות צום צדיק מראדזימין זי״ע, און די צוויי גאונים האבן זיך גאר אסאך געשריבן חידושי תורה איינער צום אנדערן, דער הייליגער חידושי הרי״ם זי״ע פלעגט שיקן קוויטלעך צום רבין זיך מזכיר זיין און בעטן עצות בעניני רפואה פון זיין חבר נאמן דער הייליגער ראדזימינער זי״ע,

דער צדיק האט זיך געפירט מיט א מוראדיגע קדושה, פון אנפאנג פין די ימי הסליחות ביז נאך יום הקדוש האט זיך דער צדיק נישט געלייגט אין קיין בעט, און דאס עבודת הקודש וואס דער צדיק האט אפ געראכטן שמחת תורה איז ממש געווען חוץ לדרך הטבע,

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע ספרים,
ספר דברי אביב, על מדרש רבה על התורה,
ספר ביכורי אביב, על סדר פרשיות התורה,
ספר ליקוטי אביב,

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגער קינדער,
הרה״ק רבי שלמה דוד יהושע מראדזימין זי״ע,
הרה״ק רבי ישראל מראדזימין זי״ע,
הרה״ק רבי אברהם חיים מראדזימין זי״ע,
חתנו הרה״ק רבי צבי הירש מארגענשטערן זי״ע, בן הרה״ק רבי דוד מקוצק זי״ע,

דער צדיק איז נפטר געווארן ערב שבת אין שטאט ווארשא, שבת פרשת פנחס האט מען נאך אין שטאט בעלזא נישט געוויסט פון די פטירה, אבער ווען הרה"ק רבי יהושע מבעלזא זי"ע איז אריין געקומען צום עריכת השולחן שבת ביינאכט, האט ער זיך אנגערופן, היינט איז נסתלק געווארן דער צדיק וועם דער חוזה מלובלין זי"ע האט גערופען "אביב" וואס דאס איז ר"ת י'עקב א'ריה ב'ן ב'ניה, און טאקע נאך שבת האט מען געהערט די בשורה פון דעם הסתלקות פון דעם הייליגען ראדזימינער זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים ערב שבת קודש פרשת פנחס ח"י תמוז בשנת תרל"ד, ומנוחתו כבוד איז אין ווארשא.

שפעטער האט מען געבויעט א אוהל, און דארט ליגען אויך זיינע אייניקלעך, הרה"ק רבי אהרן מנחם מענדל גוטרמן זי"ע, און הרה"ק רבי לוי יצחק גוטרמן זי"ע.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

איינמאל איז דער צדיק מראדזימין געקומען צו א שטאט, און א גרויסער עולם איז געקומען מקבל פנים זיין דעם צדיק, איז דארט געווען איינער וואס האט זיך זייער געשטיפט צו צוקומען צום צדיק, האט דער צדיק געזאגט פאר דעם איד, "גיי צו אלע רוחות".

דער איד האט זיך פון דעם דערשראקן אין אנגעהויבן וויינען, האט דער צדיק זיך אנגערופען צו דעם איד בזה"ל, "שוטה", דאס איז דאך די ברכה פון יעקב אבינו פאר זיינע קינדער, וּפָרַצְתָּ יָמָּה וָקֵדְמָה וְצָפֹנָה וָנֶגְבָּה וְנִבְרְכוּ בְךָ כָּל מִשְׁפְּחֹת הָאֲדָמָה וּבְזַרְעֶךָ.

איינמאל ווען הרה"ק רבי שמחה בונם מפשיסחא זי"ע האט געזאגט א מדרש בעניין תחיית המתים, האט דער תלמיד דער צדיק מראדזימין געבעטן פון זיין רבי מפשיסחא, אז ער זאל אים אויס לערנען דעם סוד פון תחיית המתים, האט דער רבי געזאגט, אז דעם סוד קען מען נאר אויס לערנען פאר צנועים, האט דער תלמיד געזאגט אז ער איז א צנוע, האט דער רבי געזאגט, אז ער וועט אים נאר אויס לערנען דעם סוד אויב ער איז אים מבטיח אז ער וועט זיך נישט משתמש זיין מיט דעם סוד, האט ער דאס מבטיח געווען פאר זיין רבין, און די רבי האט אים אויסגעלערנט דעם סוד.

איין טאג איז איינער געקומען צום הייליגען ראדזימינער און מזכיר געווען א חולה מסוכן וואס איז געווען ר"ל א גוסס, און דער צדיק האט זייער רחמנות געהאט אויף דעם חולה, האט ער זיך משתמש געווען מיט דעם סוד, און דער חולה איז צוריק געזונט געווארן.

אביסל שפעטער איז דער צדיק רבי יעקב ארי' מראדזמין זי"ע קראנק געווארן, און נאך א שטיק צייט איז אים בעסער געווארן, און דער צדיק האט דערציילט, אז אין הימל איז געווען א קטרוג אויפן צדיק ווייל ער האט זיך משתשמש געווען מיטן סוד, און מען האט אים דן געווען למיתה ר"ל, אבער דאן האט א מלאך געזאגט, אז דאס איז באמת די שילד פון זיין רבין פארן אים מגלה זיין דעם סוד, האט די רבי געזאגט, אז ער האט דאך מיר מבטיח געווען אז ער וועט זיך נישט משמש זיין מיט דעם סוד,

האט מען גע'פסק'נט אין הימל, אז מען וועט דורך גיין דעם גאנצן לעבן פונעם צדיק, און אויב האט ער נאך קיינמאל נישט געזאגט א דבר שקר, וועט מען אים מוחל זיין אויף דעם איינעם ליגענט, דאן האט מען דורך געקוקט זיין גאנצע לעבן, און געזען אז דער צדיק האט קיינמאל קיין ליגענט נישט געזאגט, און דערפאר האט מען אים מוחל געווען דעם איינעם מאל און געלאזט צוריק אראפקומען אויף די וועלט, אבער דאס ווייזט דאס גדלות און קדושה פונעם צדיק, אז ער האט זיין גאנצ'ן לעבן געלעבט גאר שטארק מיטן מידת האמת, און אויך זיין געוואלדיגע מסירת נפש און זיין געוואלדיגע אהבת ישראל וואס ער האט פארמאגט.

אפאר יאר צוריק איז געווען א איד וואס האט שוין געהאלטן איבער 7 יאר נאך די חתונה און ער האט ליידער נאכנישט זוכה געווען צו קיין קינדער, זיין חבר איז געפארן ח"י תמוז צום יארצייט פונעם הייליגען ראדזימינער זי"ע, און דער חבר האט מזכיר געווען דעם אנדערן חבר אז ער זאל שוין געהאלפן ווערן מיט א קינד, כך הוה א יאר שפעטער ביים יארצייט פונעם צדיק האט שוין דער חבר געהאלדזט זיין קינד.

איינמאל איז דער הייליגער צדיק מראדזימין געפארן צוזאמען מיט דעם צדיק השרף מקוצק זי"ע צו זייער רבין רבי בונם מפשיסחא זי"ע אויף שבת קודש, אבער

אינמיטן וועג איז געווארן זייער שפעט און זיי האבן נישט געהאט געווגט צייט אנצוקומען קיין פשיסחא אויף שבת, האבן די צוויי צדיקים בלית ברירה זיך געמוזט אפשטעלן אין א דערנעבעדיגן שטאט ווי עס זענען נישט געווען קיין אידן.

האבן זיי זיך איינגעבעטן ביי א גוי אז ער זאל זיי לאזן זיין ביי אים אין שטוב אויף שבת, און געבן א חדר מיוחד, דער גוי האט קודם נישט מסכים געווען, אבער נאכן זיך איינבעטן האט דער גוי מסכים געווען, אבער בתנאי אז זיי וועלן נישט אנצונדען קיין ליכט, און זיי האבן בלית ברירה מסכים געווען, אבער זיי האבן געהאט דערפון גרוים צער אז זיי וועלן דארפען זיין אין די פינסטער דעם גאנצן שבת.

האט זיך דער הייליגער ראדזימינער אנגערופן, אויב אזוי וועלן מיר זיך מוזן באנוצן מיט דעם אור פון ששת ימי בראשית, און באלד איז דארט אין שטוב געווארן א גרויסע לעכטיגקייט, זייער רבי דער הייליגער צדיק מפשיסחא האט דאס מרגיש געווען, און גלייך מוצאי שבת קודש האט זיך דער הייליגער צדיק מפשיסחא ארויס געלאזט מקבל פנים זיין די צוויי צדיקים.

ווען די בעל עגלה פונעם ראדזימינער האט געזען דעם וואגן פונעם הייליגען פשיסחא קעגן קומען זייער וואגן, האט ער געזאגט פארן תלמיד דער הייליגער ראדזימינער, "דער רבי פארט אונז אקעגן", עס האט דעם הייליגער ראדזימינער אן געכאפט א גרויסע פחד און יראת הכבוד פאר זיין הייליגען רבין, און ער איז מיט א בהלה גלייך ארויס געטאנצן פונעם וואגן, און אפילו פארגעסן צו אנטון זיינע שיך, און געלאפן מקבל פנים זיין דעם הייליגען רבין.

ווען דער הייליגער רבי מפשיסחא האט געזען זיין תלמיד האט ער אים געפרעגט ווי זענען דיינע פאנטאפל, האט דער תלמיד געזאגט, איך האב זיי פארגעסן אונעם וואגן צוליב מיין איילעניש, האט דער רבי ר' בונם געזאגט, "צוליב דעם זאלסטו קיינמאל נישט האבן קיין פים ווייטאג" כך הוה דער הייליגער צדיק מראדזימין האט זיין גאנץ לעבן נישט געליטן אויף די פים.

איינמאל איז א איד געקומען צום רבין דער הייליגער ראדזימינער זי"ע און זיך אוים גערעדט, אז ער האט א ארענדע וואס ער האט שוין פאר יארן אפגעדינגען פונעם פריץ, און יעצט האט א גוי צו גערעדט דעם פריץ צו איבער נעמען דעם ארענדע אנשטאט דעם איד, און דער איד האט זיך זייער אויסגערעדט אז דאס איז זיין פרנסה און ער האט א שטוב מיט קינדער.

האט דער צדיק אפ געשריבן א בריוו צום גוי, בעטענדיג אז ער זאל דעם ארענדע נישט אויסכאפן פונעם איד, און אויב ער וועט אים פאלגן וועט ער, דער גוי מצליח זיין אין זיינע געשעפטן, און דער צדיק שרייבט אויך דארט, "די בוסט דאך נישט באקאנט אין די וואסערן פון דעם ארענדע, אבער דער איד קען עס יא", און פארוואס זאלסטו דאס אויסכאפן.

דער איד איז מיט זיין אמונת צדיקים אהיים געגאנגען, און געגעבן דעם בריוו פארן גוי, אבער דער גוי האט זיך אויסגעלאכט פון דעם בריוו און געזאגט פארן איד, גיי זאג פאר דיין רבין, אז ער זאל זיך נישט מישן אין מיינע געשעפטן, ווייל איך מיש מיך נישט אין זיינע געשעפטן.

ווען דער איד איז אהיים געקומען און דערציילט פארן ווייב די גאנצע מעשה וואס די רבי האט געזאגט, און וואס דער גוי האט געזאגט, האט די ווייב געבעטן דעם מאן, אז ער זאל צוריק גיין צום רבין און דערציילן וואס דער גוי האט געענטפערט, די מאן איז געווען זייער צובראכן, אבער מיט אמונת צדיקים איז ער צוריק געפארן צום רבין.

אזוי ווי ער קומט אריין צום רבין, זאגט אים די רבי, דער גוי האט דיר אוודאי געענטפערט אז איך זאל אים נישט פארדרייען קיין קאפ, און איך זאל מיך נישט מישן אין זיינע געשעפטן, האט דער איד דערציילט פארן רבין וואס דער גוי האט געזאגט, האט די רבי נאכאמאל געשיקט א בריוו צום גוי, און געשריבן דאס זעלבע אז די וואסער פון די ארענדע איז אים נישט באקאנט, און ער זאל דעם ארענדע נישט צונעמען פון דעם איד, און אויב וועט ער דאס נישט טון וועט ער מצליח זיין אין זיינע געשעפטן.

ווען דער איד האט געגעבן דעם נייעם בריוו פארן גוי, הט דער גוי נאכאמאל געזאגט פארן איד, זאג פאר דיין רבין ער זאל זיך נישט מישן אין מיינע געשעפטן, און איך קען גאר גוט שווימען אין וואסער, און איך האב פון קיין וואסער נישט מורא, און געזאגט פאר דעם איד ער זאל אים שוין אפלאזן.

ווען עס איז אנגעקומען די צייט ווען דער גוי האט איבער גענומען דעם ארענדע, האט ער געמאכט א גרויסע

מסיבה און גערופען אלע פריצים פון דעם שטאט, און זיך גרויס געהאלטן מיט זיין ארענדע, נאכן גאנצע מסיבה האט דער גוי גערופען אלע צו קומען שווימען אונעם וואסער, דאן איז דער גוי אריין אין וואסער, און באוויזן א קונץ אז ער קען אראפ גיין ביז אינטן פונעם וואסער,

אבער אזוי ווי דער צדיק האט פאר געזאגט, איז דער גוי שוין מער נישט ארויפגעקומען, כן יאבדו כל אויביך השם, פארשטייט זיך אז די מעשה איז געווארן פארשפרייט אינעם גאנצען געגענט דארט, און אפילו די גוים האבן זיך דערוויסט פון די כח פון דעם צדיק, און דער פריץ האט גלייך צוריק געגעבן דעם ארענדע פארן איד, און ער האט פון דעם געהאט שיין פרנסה זיין גאנץ לעבן.

צום צדיק הרה"ק רבי יעקב ארי' מראדזימין זי"ע איז אמאל אריין געקומען א גביר מיט גרויסע טענות, רבי איך בין שוין פארמאטערט פון געבן אזויפיל צדקה, מ'גיבט און מ'גיבט און אין לדבר סוף, עס נעמט נישט קיין עק,

שמייכלט דער ראדזימינער און זאגט, און פון עסן ביסטו נאך נישט פארמאטערט געווארן, דו עסט און עסט טאג טעגליך און "אין לדבר סוף", עס נעמט נישט קיין עק, ווי קען דען לעבן א מענטש אן עסן, ענטפערט דער גביר, און איך זאג, ענטפערט אים דער ראדזימינער, ווי קען א מענטש לעבן אן געבן צדקה, עס שטייט דאך וצדקה תציל ממות, גיבט צדקה און דאן וועט זיין "חיים".

אין די צייטן ווען דער הייליגער גערער רבי דער חידושי הרי"ם זי"ע האט נאך געוואוינט אין ווארשא איידער ער האט זיך באזעצט אין גור, איז אמאל אריין געקומען צו אים א איד, און דערציילט אז א גרויסע צרה האט אים געטראפן, ער איז געפארן האנדלען, ער האט מיט זיך מיט גענומען א פארמעגן מיט געלט, דריי טויזנט רובל, און ווען ער איז אנגעקומען צו זיין אכסניא, האט ער געזען אז דאס געלט איז פארשוואונדן געווארן,

אבער זיין צער פון די אבידה איז געווען גאר גרויס, ווייל דאס געלט איז אפילו נישט געווען אינגאנצן זיינ'ס, ער האט זיך בעפאר ער איז געפארן צוזאמען געבארגט נאך געלט כדי ער זאל קענען האבן מיט וואס צו האנדלן, אבער יעצט איז אלעס פארלוירן, נישט נאר זיין פארמעגן נאר אויך דאס פארמעגן פון אנדערע מענטשן פאר וועלכע ער וועט בלייבן א בעל חוב און וועט נישט קענען צוריק צאלן וואס ער האט פון זיי געבארגט,

ווען דער חסיד איז אריינגעקומען צום רבי'ן, דער חידושי הרי"ם זי"ע האט ער שטארק געוויינט פון גרויס צער, האט אים דער חידושי הרי"ם געזאגט, "איך האב אן עצה פאר דיר, פאר אריבער קיין ראדזימין צום צדיק רבי יעקב ארי' זי"ע, דורך אים וועסטו האבן א ישועה", דער הייליגער חידושי הרי"ם האט אן געזאגט דעם חסיד, "אפילו ער וועט דיך וועלן אפשטופן, זאלסטו דיך נישט לאזן פון אים, זאלסט נישט אפטרעטן פון דארט ביז ער וועט דיר נישט זאגן וואס צו טוען, און אפילו ער וועט זיך בייזערן אויף דיר זאלסטו נישט אויפגעבן, זאלסט נישט נאכלאזן, זאלסט אים זאגן אז איך האב דיך געשיקט",

דער איד האט אזוי געטוען, ער איז גלייך פון גור אריבער געפארן קיין ראדזימין, ער האט דערציילט פאר'ן רבי'ן זיין אומגליק, און רבי יעקב ארי' מראדזימין האט זיך אנגעהויבן בייזערן, און האט געזאגט פאר דעם איד, "וואס זאל איך דיר טוען, ווי אזוי זאל איך דיר צוריק געבן דאס געלט, איך בין דען דארט געווען אויף יענעם פלאץ וואו דו האסט פארלוירן דאס געלט, אויך מיינע עלטערן זענען נישט דארט געווען",

דער חסיד איז געווען גוט צוגעגרייט, ער האט געדענקט די ווערטער וואס דער הייליגער חידושי הרי"ם האט אים געזאגט, ער וועט נישט אויף געגעבן און האט געזאגט, "איך וועל נישט אוועק פארן פון דא ביז איך וועל נישט געהאלפן ווערן", און ווען רבי יעקב ארי' האט זיך נאך ווייטער געבייזערט, האט זיך דער איד אנגערופן, "דער גערער רבי האט מיך געשיקט צו אייך, און ער האט מיר אן געזאגט אז איך זאל נישט נאכלאזן ביז איך וועל געהאלפן ווערן", און דער איד איז געבליבן אין ראדזימין אפאר וואכן, און יעדן שבת האט אים דער רבי געגעבן שיריים פון אלע מאכלים, אפילו פון קידוש און הבדלה, אבער אויף זיין בקשה האט ער אים גארנישט געענטפערט,

איין טאג האט אים דער רבי געשיקט רופן און זאגט צו אים, "פאר אהיים, שטיי איין אין יעדע אכסניא וואו דו ביסט איין געשטאנען אויפ'ן וועג פארנדיג האנדלען, און איבעראל וואו דו האסט דיך דעמאלט אפ געשטעלט געבן צו עסן פאר די פערד זאלסטו יעצט דיך אויך אפשטעלן", און דערביי האט דער הייליגער ראדזימינער אים אויך איבער געגעבן געוויסע סגולות וואס ער דארף

טוען, דער הייליגער ראדזימינער האט זיך אבער אויס
גענומען א תנאי מיט דעם איד, אז ער טאר פאר קיינעם
נישט דערציילן פון די סגולות וואס ער האט אים געגעבן.

דער איד האט געטוען ווי מען האט אים געהייסן, ער האט גענעכטיגט אין יעדע קרעטשמע וואו ער האט געהאט גענעכטיגט אויפ'ן וועג פערנדיג האנדלען, אין איין קרעטשמע האט ער אנגעטראפן א פריצ'טע מיט וועמענ'ס מאן ער פלעגט האנדלען, און זי האט אים געפרעגט פארוואס ער איז נישט געקומען קויפן ביי זיי וואל, אזוי ווי ער טוט דאס שטענדיג, און זי האט זיך אפגערעדט אז יעצט איז דער פרייז פון וואל געפאלן, און אז מיטן שטיין מיט די וואל האט זי אסאך שאדן געהאט.

האט דער איד איר דערציילט אז ער האט פארלוירן זיין געלט, און ווען זי האט דאס געהערט, זאגט זי צו אים, "פאר צו מיר אהיים, ווייל איינער פון אונזערע באדינער האט זיך עפעס אין די לעצטע צייטן אנגעהויבן פירן זייער ברייט, ער פאטשקעט געלט אויף רעכטס און לינקס, אפשר האט ער גע'גנב'עט דיין געלט".

איז דער איד אהינגעפארן, די פריצ'טע האט באלד געשיקט שליחים צו דעם באדינער אהיים, מען האט טאקע געטראפן ביי אים דאס גאנצע געלט, און ער האט זיך מודה געווען אז ער האט עס געטראפן, און ער האט דערציילט ווי אזוי ער האט געטראפן דאס געלט, "איך האב געפאשעט בהמות ביים טייך, איז דער איד צוגעקומען צום טייך אויף די אנדערע זייט, קעגן איבער, און זיך געשטעלט דאווענען,

און פאר'ן דאווענען האט ער זיך אפ געוואשן די הענט אין טייך, ביים זיך איינבייגן צום טייך איז פון זיין טאש ארויסגעפאלן זיין בערזל, און ווען ער איז אוועק געגאנגען, בין איך אהין געגאנגען און גענומען דאס געלט". און דער באדינער האט צוריק געגעבן דאס געלט, פאר דעם איד, און דער איד איז אוועק געפארן שמח וטוב לב, און דאס אלס האט דער הייליגער ראדזימינער זי"ע געזען מיט זיינע הייליגע אויגן.

עס איז געווען א איד אין פולין וואס האט געהייסן ר' נחמן מזאטי ע"ה, ער איז געווען א גביר אדיר, און ווען פולין האט זיך געשלאגן מיט רוסלאנד, האט ער געהאלפן דאס פוילישע מיליטער דורך זיי געבן צו עסן און טרינקען, אבער למעשה האט רוסלאנד געזיגט די מלחמה קעגן די פוילישע מיליטער, און וויבאלד די רוסן האבן געזיגט, האבן זיי אונטער גענומען א נקמה אקציע, זיך נוקם צו זיין קעגן אלע מענטשן וואס האבן ארויס געהאלפן די פוילישע מיליטער, און ווען זיי האב געפינען איינעם וואס האט געהאלפן די פוילישע מיליטער, האבן זיי יענעם גע'הרג'עט מיט מיתות משונות רח"ל.

דער ר' נחמן האט געוואוסט אז בקרוב וועט קומען אויף אים די רייע, מען וועט זיך בקרוב נעמען אויך צו אים, איז ער געפארן צום הייליגען צדיק רבי יעקב ארי' מראדזמין זי"ע, און האט שטארק געוויינט אז דער רבי זאל אים זען צו ווינטשן אז עס זאל אים נישט פאסירן קיין שום שלעכטס, זאגט אים דער רבי, "זאלסט זיך באהאלטן אינדרויסן", און דער רבי האט אים אן געוואונטשן א ישועה.

ר' נחמן איז אהיים געפארן און מיט זיין גרויס אמונת צדיקים געגלייבט אז ער וועט האבן א ישועה, אבער ער האט נישט געוואוסט וואו אינדרויסן זאל ער זיך באהאלטן, אבער ער האט געהאט אמונת צדיקים אז ער וועט שוין וויסן וואו און ווען ער זאל זיך באהאלטן אינדרויסן, און ווען דער רוסישער מיליטער איז אנגעקומען אין זיין שטאט, האט אים אנגעכאפט א טויט שרעק, און ער איז באלד ארויס געלאפן פון זיין הויז, און אזוי שטייענדיג אינדרויסן זאגט אים זיין משרת, "מיין חשוב'ער הער, יעצט שטיי איך אינדרויסן און איך האק האלץ, לאז דער הער אנטוען מיינע מלבושים, און עס וועט אויסזען ווי איר האקט האלץ, וועט דער הער באפרייט ווערן".

דער איד האט שנעל אנגעטוען דעם גוי'ס מלבושים, און זיך געשטעלט מיט'ן האק אין די האנט, פארשטענדליך אז ווען די רוסישע מיליטער זענען אן געקומען און געזען ווי איינער שטייט מיט א האק אין די האנט, האבן זיי אים בכלל נישט באטראכט, ווייל דער גרויסער גביר ר' נחמן וואלט דאך זיכער נישט געהאקט האלץ, און דורך זיין גלייבן אין צדיקים איז ער ניצול געווארן ממות לחיים.

א איד איז אמאל געקומען צום הייליגען ראדזימינער צדיק רבי יעקב ארי' זי"ע, און זיך שטארק באקלאגט אויף זיין גרויס ארימקייט, און דער רבי האט אים ווארים אנגעוואונטשן, און דער מצב פון דעם איד האט זיך דערנאך פיל פארבעסערט און ער האט געהאט שיין פרנסה, אבער זאגט אים דער רבי, איך וויל דיך עפעס פרעגן, "דו האסט אפעטיט צום עסן" זאגט ער, "ב"ה אז

יא", טוט דער רבי פארזעצן, "און דיין ווייב האט אויך אפעטיט צו עסן", זאגט ער, "ב"ה אז יא", דער איד פארשטייט אבער נישט וואס דער רבי פרעגט אים די שאלות, וואס פאר א שייכות האט דאס צו זיין פראבלעם פון ארעמקייט,

דער רבי לאזט אים אבער נישט לאנג ווארטן, און דער רבי זאגט אים, איך וועל דיר זאגן, נעכטן איז ביי מיר געווען א גביר אדיר וואס פארמאגט גרויסע פארמעגנס, און ער האט מיר דערציילט, אז ער האט שוין אויסגעגעבן פאר דאקטוירים זעקס הונדערט רובל אויף טאבלעטן און רפואות פאר זיין ווייב, אז זי זאל צוריק באקומען איר אפעטיט, יעצט אז איך הער פון דיר, אז ב"ה דו און דיין ווייב האבן ב"ה אפעטיט, און איר ביידע זענט געזונט און שטארק, וויל איך דיר זאגן, אז דו האסט שוין טויזנט צוויי הונדערט רובל, ווייל דער אפעטיט און געזונט איז דער גרעסטער רייכטום פון דעם מענטש,

און דער רבי דער הייליגער ראדזימינער זי"ע האט געלערנט דעם איד, אז אין די זעלבע צייט וואס א מענטש האט א פראבלעם, זאל ער דאנקען השי"ת פאר די גרויסע חסדים וואס ער האט יא, אזוי ווערט טאקע דערציילט אויף דעם הייליגן רבי ר' זושא זי"ע, אז מען האט אים געזען איינמאל טאנצן און זינגען, דאס איז געווען דעמאלט ווען ער האט נעבעך געהונגערט,

ווען מען האט אים געפרעגט, וואס טאנצט איר, האט ער געזאגט, איך דאנק השי"ת אז איך האב אפעטיט, אז איך בין געזונט, און עס פעלט מיר עסן, ווייל טייל קראנקע מענטשן קענען נישט עסן און דארפן נישט קיין עסן, און ווען מען איז געזונט דארף מען לויבן השי"ת אויפ'ן געזונט.

אמאל האט זיך געמאכט, אז מען האט אריינגעברענגט פארן צדיק מראדזימין א טעלער יויך מיט פלייש, אבער ווען ער האט גענומען דעם לעפל פונעם טעלער, האט ער עס גלייך אראפ געלייגט און אוועק געריקט דעם טעלער, דער משמש וואס האט גלייך פארשטאנען אז עפעס טויג נישט מיטן עסן, איז תיכף אריין געלאפן אין די קיך, און געפרעגט פון די רעבעצין וואס עס קען זיין די סיבה פארוואס די רבי וויל נישט עסן,

איז די רעבעצין אריין געקומען און געזאגט פארן רבין, אז זי האט אליין צו געגערייט דאס עסן און עס איז נישט דא קיין חשש פון איסור, אבער עס האט גארנישט געהאלפן און דער צדיק האט נישט געוואלט עסן, אבער שפעטער האט זיך די רעבעצין דערמאנט, אז זי האט געגעבן דאס עסן פארן רבין אין א נייעם טעלער, וואס מען האט פארגעסן צו טובל'ן, דאן האט מען געזעהן די הייליגע אויגן וואס דער צדיק האט געהאט, אז נאר מיט א בליק טאן אויפן טעלער האט ער גלייך מרגיש געווען אז די טעלער איז נישט גע'טובל'ט.

א איד וואס האט ליידער געהאלטן אסאך יארן נאך די חתונה און נישט זוכה געווען צו קיין קינדער, איז געפארן צום רבין דער צדיק רבי יעקב ארי' מראדזימין זי"ע, און זיך מזכיר געווען אז די רבי זאל אים העלפן מיט א בן זכר, האט דער צדיק מראדזימין געזאגט פאר דעם איד, אז ער קען אים מבטיח זיין א בן זכר, אבער נאר בתנאי אז ער וועט געבן 150 זילבערנע רובל פאר צדקה,

דער איד איז אהיים געפארן און דערציילט פארן ווייב וואס די רבי האט געבעטן, כדי זיין זאלן זוכה זיין צו א בן זכר, אבער די ווייב האט געפרעגט פון דעם מאן, פארוואס האסטו נישט געזאגט פארן רבין אז די ביסט א ארימאן, און פון ווי זאלסטו האבן די גרויסע סכום געלט, האט דער איד געזאגט, אז ער האט יא געזאגט פארן רבין, אבער די רבי האט בשום אופן נישט מסכים געווען צו געבן א ברכה פאר וויייניגער ווי דעם סכום,

דער איד האט בלית ברירה פארקויפט זאכן פון שטוב, און ווען ער האט צוזאמען געשטעלט דעם גאנצן סכום געלט, איז ער צוריק געפארן צום רבין, און דער צדיק האט אים געגעבן א ברכה אז ער זאל בקרוב זוכה זיין צו א בן זכר, די ברכה פונעם צדיק איז מקוים געווארן, און עס איז פאר דעם איד געבוירן געווארן א בן זכר, פארשטייט זיך אז די שמחה איז געווען גרויס ביי דעם איד,

אבער ווען דער קינד איז אינטער געוואקסן און מען האט אים א חתן געמאכט, האט דער איד נישט געהאט קיין געלט אויף די חתונה, איז דער איד אריבער געפארן צום צדיק מראדזימין, און זיך אויס גערעדט זיין שווערע מצב הפרנסה, און יעצט דארף ער חתונה מאכן דעם קינד און ער האט נישט קיין פרוטה,

האט דער צדיק געהייסן פארן גבאי, ברענג מיר דאס טיכל מיט געלט וואס ליגט אויף א געוויסע ארט, דער גבאי האט דאס געגעבן פארן רבין, און ווען די רבי האט דעם טיכל אויף געמאכט, זעהט דער איד אז דארט ליגט

זיינע 150 זילבערנע רענדליך וואס ער האט געגעבן פארן צדיק יארן צוריק, און דער צדיק זאגט פאר דעם איד,

אין קהלת שטייט (קהלת ה' י"ב) יֵשׁ עֹשֶׁר שָׁמוּר לִבְעָלָיו לְרָעָתוֹ, וואס מיינט אז עס ליגט אנגעגרייט דאס געלט צו די צייט וואס עס איז ח"ו שווער ביי איינעם, און דער צדיק זאגט אים, נעם דאס געלט און נוץ עס געזונטערהייט פאר די הוצאות החתונה, און עס וועט נאך בלייבן עטליכע רובל פאר הצלחה,

דער איד האט חתונה געמאכט דעם קינד מיט די געלט, און פון די איבער געבליבענע רענדליך האט ער אנגעהויבן האנדלען געשעפטן, און ער האט שיין מצליח געווען און געהאט פרנסה בכבוד זיין גאנץ לעבן.

הרה"ק רבי לייבוש מפשעווארסק שליט"א האט דערציילט, אז עס איז געווען א איד וואס האט געוואוינט אין א שטאט נישט ווייט פון ראדזימין, דער איד פלעגט יעדעס יאר אוועק פארן אויף א וואך צוויי פאר פרנסה, און דאן איז ער אהיים געקומען, האט זיך געמאכט איין יאר, אז דער איד איז אוועק געפארן, און ווען עס איז דורך א שיינע פאר וואכן און דער איד איז נישט אהיים געקומען, האט די ווייב אנגעהויבן טראכטן אז אפשר איז ח"ו עפעס געשען מיט איר מאן,

איז די ווייב אריבער צום צדיק וקדוש דער הייליגער ראדזימינער זי"ע, און זי האט מזכיר געווען פארן רבין, אז איר מאן פארזוימט זיך שוין פאר א שטיק צייט, און זי האט דערציילט איר שרעק פארן רבין, דער צדיק האט זיך שטארק פארטראכט און אריין אין א גרויסע דביקות, און דאן זאגט איר די רבי, אז ב"ה די מאן איז געזונט און שטארק און ער איז ב"ה גוט, פארשטייט זיך אז די פרוי האט זיך פון דעם בארואיגט,

אבער א שטיק צייט שפעטער איז אנגעקומען א פאליציי פון יענעם שטאט ווי די מאן איז געפארן, און ער דערציילט פארן ווייב די ביטערע בשורה, אז איר מאן איז ליידער געפינען געווארן טויט,

די פרוי האט זיך גאר שטארק דערשראקן, און זי איז גלייך אריבער געלאפן צום רבין דערציילן די ביטערע בשורה, אבער דער צדיק האט זיך גלייך פארטראכט און אריין אין א דביקות, און דאן זאגט די רבי פאר די פרוי, דער פאליציי מיינט אז ער ווייסט בעסער ווי מיר, איך זאג דיר אז די מאן לעבט און איז געזונט,

לפלא אפאר טאג שפעטער איז דער מאן אהיים געקומען, און ער דערציילט די מעשה וואס דא איז פאר געקומען, זייעדניג אויף ביזנעס און איינשטייענדיג אין א גאסט הויז, איז דארט אנגעקומען א גוי, און דער גוי איז איינגעשטאנען צוזאמען מיט אים אין איין צומער, איין נאכט האט דער גוי אפ געמאכט אז ער גייט דעם איד בא'גנב'נען, דער גוי האט אינמיטן די נאכט גענומען דעם איד'ס קליידער צוזאמען מיט זיין גאנצע געלט און אויך זיין פאספארט, און דער גוי איז אנטלאפן מיט דעם איד'ס גאנצע פארמעגן,

אבער אויפן וועג ארויס האבן אים א באנדע גנבים באפאלן, און האבן דער'הרג'עט דעם גוי, און וויבאלד די פאליציי האבן געטראפן דעם פאספארט ביים גוי, האבן זיי געמיינט אז דאס איז דער איד, און דערפאר האבן זיי געשיקט מודיע זיין פאר די משפחה אז דער איד איז געשטארבן, אבער דער צדיק וקדוש דער הייליגער ראדזימינער זי"ע האט דאס אלעס געזען מיט זיינע הייליגע אויגן, און דערפאר האט ער גלייך געזאגט פאר די פרוי, אז איר מאן לעבט און איז געזונט און פריש,

**יארצייט**
**דינסטאג י"ט תמוז**

**הרה"ק רבי יהושע ב"ר יוסף זי"ע, (פרישערמאן), מטומאשוב,**

ער איז געבוירן אין שטאט יארטשוב, ב׳ מנחם אב בשנת תקפ"ה,

צו זיין טאטע הרה"ק רבי יוסף מיארטשוב זי"ע, מגדולי תלמידים פונעם חוזה מלובלין זי"ע, דער חוזה האט געזאגט אויפן טאטן רבי יוסף, אז ער איז פון די ל"ו צדיקים בדורו,

ער איז געווען א איש קדוש מאוד און א איש פלא מאוד, ער איז געווען א גאון וגדול און א למדן נפלא בתורה, צדיקים האבן מעיד געווען, אז דער צדיק איז געווען א איש אמת נפלא, טויזענטער אידן זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו און נעמען א דרך אין לימוד התורה און עבודת השם, זיין עבודת הקדוש איז געווען מיט א געוואלדיגע קדושה וטהרה און א אש קודש, צדיקים האבן באוואונדערט זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה,

ער איז געווען באוויסט אלס א גדול בתורה, א צדיק און בעל מופת עצום, אויך האט דער צדיק אסאך עוסק געווען אין צדקה וחסד אויף א מוראדיגע מדריגה, ער האט גרויסע סכומים אויסגעטיילט פאר ארימע אידן, און אריין גענומען צובראכענע אידן ביי זיך אין שטוב,

לגבי די משפחה נאמען פרישערמאן ווערט דערציילט, אז ווען די רעגירונג האט ארויסגעגעבן א געזעץ אז יעדער ברויך האבן א משפחה נאמען, איז מען געקומען צום טאטן רבי יוסף, און געפרעגט וואסערע משפחה נאמען ער וויל באשטימען אלס משפחה נאמען, האט ער געזאגט, אז עס שטייט (איכה ג׳ כ"ג), חֲדָשִׁים לַבְּקָרִים רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ, אז א מענטש ווערט באנייט יעדן טאג אויפסנייע, און ווי מען זאגט דאס אויף אידיש פרישער–מאן, האט ער גענומען דעם נאמען אלס משפחה נאמען,

דער טאטע איז געווען פון די גרויסע חסידים פון הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימנוב זי"ע און פונעם הייליגען חוזה מלובלין זי"ע, נאך די פטירה פון זיינע צוויי רבי׳ס, איז ער געפארן זיך מסתופף זיין בצלו פון הרה"ק בעל אוהב ישראל מאפטא זי"ע, און עס איז געווען א גאר שטארקע קשר פון אים מיט זיין רבי דער הייליגער אפטא רב זי"ע,

עטליכע חדשים נאכן פטירה פון זיין רבי דער הייליגער אפטא רב זי"ע, איז אים געבוירן געווארן א קינד, ער האט זייער געוואלט א נאמען געבן נאך זיין רבין דער אפטא רב, אבער ער האט שוין געהאט דאן א זוהן וואס האט געהייסן אברהם אביש,

האט די טאטע געוואלט געבן א נאמען יהושע העשיל, אבער ער האט דאן געטראפן זיין ידיד דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע, וואס די צוויי האבן זיך צוזאמען מסתופף געווען ביים הייליגען חוזה מלובלין זי"ע, און דער שר שלום האט אים געזאגט, אז ער זאל נאר געבן דעם נאמען יהושע נאכן אפטא רב, און נישט געוואלט זאגן די טעם פארוואס, און שפעטער ווען עס איז געבוירן געווארן ביים הייליגען שר שלום א בן זכר, האט ער אויך א נאמען געגעבן נאר יהושע פארן קינד, און דאס איז געווען רבי יהושע מבעלזא זי"ע,

דער צדיק רבי יהושע׳לע טומאשובער זי"ע איז שוין פון אלס יונג קינד געווען א קדוש און נישט געהאט הנאה פון עולם הזה, נאר געהארעוועט אויף תורה ועבודת השם, און ווען ער איז נאך געווען א פיצל קינד, איז דער טאטע אמאל דורך ביים בעטל, און א קוק געטאן אויפן קינד און געזאגט, "ער שיינט, ער שיינט",

איינמאל איז דער קינד רבי יהושע געפארן מיטן טאטן צו איינע פון די צדיקי הדור, און זיי האבן געברויכט דורך גיין א גרעניץ, און די טאטע האט נישט געהאט קיין שריפטן פארן קינד, האט דער טאטע רבי יוסף געזאגט פארן קינד, איך וועל זאגן און די זאג מיך נאך,

און ווען זיי זענען דורך ביים גרעניץ האט דער טאטע געזאגט די ווערטער, "הַפּוֹתֵחַ שַׁעַר לְדוֹפְקֵי בִתְשׁוּבָה", און דער קליינער יהושע האט נאכגעזאגט די ווערטער מיט קולי קולות און זיי זענען אריבער דעם גרעניץ אן קיין שום אפהאלט, ויהי לפלא,

דער טאטע רבי יוסף איז ליידער נסתלק געווארן ווען דער קינד איז נאך געווען גאר יונג, האט דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע אריין גענומען דעם קינד צו זיך אין שטוב און אים אויף געצויגן ווי אן אייגען קינד, און דער הייליגער בעלזא רב האט באשטימט א באזונדערע שטוב פאר דעם קינד יהושע,

דער קינד איז דארט געזעסן על התורה ועבודת השם יומם ולילה און געוואקסן אין תורה, דאן איז ער שוין געווען באוויסט אלס א גאון און למדן נפלא, דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע האט איינגעטיילט צווישן זיינע קינדער, אז יעדעס מאל זאל א אנדערער אריין טראגן עסן פארן קינד יהושע מטומשוב, כדי ער זאל קענען זיצן און עוסק זיין נאר אין תורה, איין טאג ווען עס איז געווען די רייע אויפן זון רבי יהושע מבעלזא, האט אים דער טאטע געזאגט בעפארן אריין גיין, "קוק ווי א קינד אן א טאטע וואקסט אזוי שיין".

שוין פון אלס קינד אן איז ער קיינמאל נישט געשלאפן ביי חצות, נאר ער פלעגט אויפשטיין צוזאמען מיטן טאטן און געקלאגט אויף גלות השכינה און אויף צרות ישראל, איין נאכט איז דער קינד צוריק געקומען פון א לאנגע רייזע און געווען גאר שטארק פארמאטערט פונעם וועג, מען איז אנגעקומען נאנט צו חצות הלילה, און דער קינד האט זיך געלייגט שלאפן, מען האט זיכער געמיינט אז ער וועט נישט אויפשטיין חצות, אבער אזוי ווי די זייגער האט געוויזן חצות לילה, האט דער קינד אנגעהויבן שרייען, "יהושע יהושע שטיי אויף", און דער קליינער צדיק איז אויף געווען צו תיקון חצות.

ער האט חתונה געהאט בזיווג ראשון מיט א אייניקל פון רבי אלחנן מבילגורייא זי"ע.

ליידער האט ער נישט זוכה געווען צו קיין זש"ק פון דעם זיווג, און נאך 20 יאר האט ער געשיידט פון דעם זיווג, און זי האט זיך אויסגענומען א תנאי בעפאר די גט, אז ער זאל איר צו זאגן אז ער וועט קדיש זאגן נאך איר לאחר פטירתה, און דאס ערשטע אייניקעל זאל טראגן איר נאמען.

בזיווג שני האט דער צדיק חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת הדסה ע"ה,
בת הגה"ק רבי אריה לייבוש קאנער מרימנוב זי"ע,
און פון דעם זיווג האט ער געהאט דריי קינדער,

ווען די צווייטע רעבעצין איז ליידער נפטר געווארן, האט דער צדיק חתונה געהאט בזיווג שלישי מיט הרבנית הצדקת מרת מלכה ע"ה,
בת הרה"ק רבי זאב וואלף לאווי מפאצין זי"ע,
חתן הרה"ק רבי מאיר אברהם ליבערמאן בעל פרי צדיק מטשאבא זי"ע,
און פון דעם זיווג האט דער צדיק געהאט נאך צוויי קינדער,

ער האט זיך אסאך מסתופף געווען בצלו פון די צדיקים בדורו, און אפילו שוין אויף די עלטערע יארן איז ער אויך געפארן צו צדיקים פון זיין דור ובתוכם,
הרה"ק השר שלום מבעלזא זי"ע,
הרה"ק רבי צבי אלימלך בעל בני יששכר מדינוב זי"ע,
הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע,
הרה"ק בעל דברי יחזקאל משינאווא זי"ע,
הרה"ק השרף ממאגלניצא זי"ע,
הרה"ק רבי ישכר בער מראדושיץ זי"ע,

דער הייליגער נאסוידער רב זי"ע פלעגט זאגן, אז רבי יהושע'לע מטומאשוב זי"ע האט נישט פארפעלט קיין טאג וואס ער זאל נישט לערנען פאר'ן דאווענען דעם הייליגען ספר קדושת לוי, ווייל ער האט אמאל געהערט פונעם הייליגע צאנזער רב זי"ע ווי ער זאגט בזה"ל, "וואס טוט מען דען פאר'ן דאווענען, מען לערנט קדושת לוי".

הרה"ק רבינו יואל מסאטמאר זי"ע ברענגט אראפ, אז דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע האט געזאגט ביים טיש, "דער בית המקדש של מעלה איז שוין אויפגעבויט און עס איז פארטיג, ס'פעלט נאר דער פרוכת", האט זיך אנגערופן רבי יהושע'לי טומאשובער זי"ע, "מיר גלייבן באמונה שלימה אז דער רבי קען מאכן דעם פרוכת".

דער הייליגער צאנזער רב האט בשעת מעשה גארנישט געענטפערט, אבער ביי א אנדערן געלעגנהייט האט ער געזאגט פאר רבי יהושע'לי בזה"ל, "פון ווי ווייסט איר אז איך האב נישט געמאכט דעם פרוכת, נאר א גרויסע רשע מיט זיינע שלעכטע מעשים, האט עס צוריסן".

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער,
הרה"ק רבי יוסף אריה לייבוש מטומאשוב זי"ע,
בתו הרבנית הצדקת מרת פעסיל ע"ה, אשת הרה"ק רבי יוסף גאלדמינצער דומ"ץ טומשוב זי"ע,
בתו הרבנית הצדקת מרת חי' סאשא ע"ה, אשת הרה"ק רבי לייבל טענענבוים מבראד זי"ע,
הרה"ק רבי צבי אלימלך אב"ד האלאמין זי"ע,
הרה"ק רבי מאיר אברהם מו"ץ בטומשוב זי"ע,

נסתלק לגנזי מרומים י"ט תמוז בשנת תרס"ו, ומנוחתו כבוד איז אין שטאט טומאשוב צוזאמען מיט זיין הייליגע טאטן זי"ע,

זכותו הגדול יגל עלינו
ועל כל ישראל אמן.

עס ווערט דערציילט א וואונדערליכע געשיכטע וואס האט פאסירט אין די שטאט ראגנא, בשעת הגה"ק רבי אברהם יהושע פריינד מנאסויד זי"ע איז געווען רב אין דעם שטאט, איז רבי יהושע מטומאשוב זי"ע איינמאל געווען אינעם שטאט.

גייענדיג אויפן גאס האט רבי יהושע'לע באמערקט אויף איינע פון די יונגלעך פון דעם שטאט, וואס איז געווען א קינד פון פשוטע עלטערן, אז דער קינד פארמאגט א גרויסער הויקער אויפן האלז, און דעריבער איז דער קינד געגאנגען מיט א ספעציעלע ברייטן העמד, וואס איז געווען גרעסער ווי נארמאל כדי די העמד זאל קענען ארויף גיין אויפן האלז.

דאס רחמנות האט זיך דערוועקט אונעם צדיק רבי יהושע'לע און ער האט זיך דערבארעמט אויפן קינד, ווייל דאס קען אים חלילה שאדטן אויף שידוכים, איז רבי יהושע'לע צו געגאנגען צום קינד, און מיט א ליבליכער שמייכל האט ער אים געפרעגט, "וואס האסטו מיין טייער קינד אויפן האלז", דאס איז דאך נישט שיין פאר א אידיש קינד זאל אזוי גיין, און אזוי רעדנדיג האט ער אים ארום געטאפט אויפן האלז מיט זיינע הייליגע הענט.

לפלא אזוי ווי דער צדיק האט אנגערירט און געטאפט מיט זיינע הייליגע הענט אויפן ארט פונעם הויקער, איז פארשוואונדן געווארן דער גאנצער הויקער פון זיין האלז, און די האלז פונעם קינד האט צוריק באקומען דעם פארעם ווי יעדן נארמאלער מענטש, אבער דער קינד האט נישט גלייך געכאפט וואס דא גייט פאר.

אבער ווען ער איז אהיים געקומען, האבן די עלטערן געזען אז די העמד איז לויז אויפן קינד, און ווען זיי האבן געקוקט אויפן האלז פונעם קינד, האבן זיי געזען אז די הויקער איז נעלם געווארן.

האבן זיי געפרעגט דעם קינד וואס דא גייט פאר, האט דער קינד דערציילט, אז גייענדיג אויפן גאס האט ער באגעגנט דעם צדיק רבי יהושע'לע מטומאשוב זי"ע, און ער האט ארומגעטאפט אויף זיין האלז.

די עלטערן האבן גלייך פארשטאנען אז דאס איז געווען די ארבעט פונעם צדיק רבי יהושע'לע, און מיט זיין רחמנות אויף דעם קינד האט ער אויס געהיילט דעם פעלער פון דעם קינד, און די עלטערן זענען גלייך געגאנגען צום צדיק און געגעבן א דאנק וואס ער האט אויס געהיילט זייער קינד.

אין דעם שטאט טומשוב האט געוואוינט א איד מיטן נאמען רבי מיכאל יהודה פלוק ע"ה, ער האט זיך באשעפטיגט מיטן מאכן ליכט, אבער דער מזל האט אים נישט געשיינט און ער האט ליידער נישט מצליח געווען מיט קיין פרנסה, און צו דעם אלעם האט ער ליידער נישט זוכה געווען צו קיין זש"ק ל"ע.

דער איד פלעגט קומען צום צדיק רבי יהושע'לע מטומאשוב זי"ע און זיך כסדר אויסגעגאסן זיין ביטער הארץ אז ער האט נישט קיין פרנסה און אויך האט ער נאכנישט זוכה געווען צו קיין קינדער, אבער דער צדיק האט אים אייביג אפגעשטופט.

איין טאג איז צו דעם צדיק געקומען א אנדערע איד, וואס איז ליידער געווען א ביטערער ארימאן און ער האט געהאט א שטוב מיט קינדער, און ער האט זיך אויס גערעדט צום צדיק זיין שווערע מצב אז ער האט ממש נישט קיין ברויט אין שטוב צו געבן פאר די קינדער צו איינשטילן זייער הונגער.

אבער דער צדיק האט דאן נישט געהאט ביי זיך קיין פרוטה צו געבן פאר דעם איד, האט דער צדיק רבי יהושע'לע בארואיגט דעם צובראכענעם איד און געהייסן אז ער זאל דא אביסל צו ווארטן, און מיטן אייבערשטענס הילף וועט קומען א ישועה בקרוב.

אינצווישן איז אריינגעקומען דער איד רבי מיכאל יהודה זיך מזכיר זיין ביים צדיק, האט דער צדיק זיך גלייך אנגערופען צו רבי מיכאל יהודה און געזאגט, "הער נאר מיכאל יהודה, גיב אהער פינף רובל פאר דעם איד, און איך זאג דיר צו אז השי"ת וועט דיך אויפרעכטן מיט בני חיי ומזוני רויחי".

ווי נאר מיכאל יהודה האט געהערט די גוטע בשורה און דעם ברכה פונעם צדיק, האט ער אויף געשטראלט פון פרייד, און איז שנעל געלאפן ברענגען פינף רובל, און ער האט דאס גלייך געגעבן פאר רבי יהושע'לע, וועלכער האט דאס באלד געגעבן פאר דעם ארימאן, וואס האט אויפגעלאכטן און איז גלייך אהיים געלאפן געבן עסן פאר זיינע קינדערליך.

א יאר שפעטער האט מען מבשר געווען דעם צדיק רבי יהושעלע, אז עס איז געבוירן געווארן א בן זכר ביי רבי מיכאל יהודה, און אויך די געשעפטן האבן אנגעהויבן בליען מיט שיינע פארדינסטן, און זוכה געווען צו זעהן שיינע דורות און אויס געלעבט זיינע יארן מיט נחת.

הרה״ח רבי יהושע פליישמאן ע״ה האט דערציילט, אז איינמאל איז דער צדיק רבי יהושע׳לע מטומשוב זי״ע געפארן מיט חסידים אויף א נסיעה, און ווען עס איז געווארן נאכט האט ער געוואלט אריינגיין אין א האטעל כדי צו נעכטיגן דארט.

אבער אזוי ווי דער האטעל איז געווען דאס איינציגסטע אונעם גאנצן געגענט, איז עס אייביג געווען פיל מיט געסט, און דער גאנצער האטעל איז געווען אנגעפילט מיט גוים שיכורים און פארברעכערס, און עס איז נישט געבליבן קיין פלאץ, האט מען בלית ברירה געמאכט א פלאץ פארן צדיק צווישן די גוים צו איבער נעכטיגן דארט.

ווי עס פארשטייט זיך איז דאס געווען מיט עגמת נפש און אפילו א שטיקל סכנה פארן צדיק מיט זיינע חסידים צו זיין צווישן די גוים און פארברעכערס ביינאכט, אבער קיין אויסוועג איז נישט געווען און בלית ברירה האט מען דאס מקבל געווען באהבה.

צומארגענס ווען דער צדיק האט געטראפן די חסידים האט ער זיי געזאגט, אזא נאכט ווי די נאכט האב איך נאך קיינמאל נישט געהאט אין מיין לעבן, די חסידים האבן פארשטאנען אז די רבי האט געמיינט זיך צו באקלאגן אויף די אומאנגענעמע נאכט וואס ער האט געהאט צווישן די גוים שיכורים און פארברעכערס.

אבער די רבי האט זיי גלייך געזאגט, אז זיין הייליגע טאטע רבי יוסעלע יארטשובער זי״ע איז געקומען צו אים פון יענע וועלט, און ער איז געזעסן נעבן מיר א גאנצע נאכט כדי מיך צו אפהיטן פון די גוים, און פון דעם האט ער געהאט אזא געוואלדיגע פארגעניגן, וואס ער האט נאך קיינמאל נישט געהאט אין זיין לעבן.

מען דערציילט, אז ווינטער בשנת תרס״ד האט דער הייליגער קדושת יו״ט מסיגוט זי״ע חתונה געמאכט זיין זוהן הרה״ק רבינו יואל מסאטמאר זי״ע, און ביים לעצטן שבע ברכות ווען מען האט געענדיגט בענטשן איז אנגעקומען דער צדיק רבי יהושע׳לע מטומאשוב זי״ע, האט דער הייליגער קדושת יו״ט געהייסן, אז לכבודו פון דעם גרויסן גאסט זאל מען איבער מאכן א שבע ברכות.

דער זוהן דער הייליגער עצי חיים זי״ע האט זיך נישט געוואשן נאכאמאל צו די סעודה, אבער האט זיך אראפגעזעצט ביים טיש כאילו ער וואלט זיך געוואשן, און געזעצן ביים טיש כאילו ער עסט צוזאמען ווי די אנדערע געסט, שפעטער ווען דער צדיק רבי יהושע׳לע האט געטיילט שירים, האט ער יעדן געגעבן שיריים, אבער פארן עצי חיים האט ער נישט געגעבן קיין שירים, און דער הייליגער עצי חיים האט שפעטער מפליא געווען די אפענע אויגן פון דעם צדיק, אז ער האט גלייך מרגיש געווען אז ער האט זיך נישט געוואשן.

הרה״ק רבי יהושע׳לע טאמאשובער זי״ע איז אמאל געווען אויף שבת קודש אין שטאט בראד, יענע וואך איז אין בראד נישט געווען קיין פיש, וואס אמאליגע צייטן פלעגט זיך אפט מאכן, אז עס איז נישט געווען קיין פיש אויף שב״ק, ווייל עס האט געקענט זיין אז אין א שטעטל איז נישט געווען קיין טייך, און ביי גרויסע שנייען אדער רעגנס האט מען שווער געקענט ברענגען פיש.

ווען רבי יהושע׳לע האט געפרעגט פארוואס ס׳איז נישטא קיין פיש, האט מען אים געזאגט, אז עס איז נישט געווען מעגליך צו באקומען פיש, און מען האט ארויף געברענגט אויפ׳ן טיש זופ, האט רבי יהושע׳לע געזאגט, אז ער וועט דא נישט עסן, קיין שום עסן פון די סעודה, און ער האט געזאגט די סיבה דערצו.

ווייל דער טעם פארוואס מען עסט פיש ביי סעודת שבת ויום טוב און ביי א סעודת מצוה אין אנהויב פון די סעודה, איז ווייל פיש האבן געווענליך נישט קיין שאלות, דערפאר האבן די פיש א ״חזקת כשרות״, ממילא איז די אלע עסן וואס מען ברענגט נאכדעם, אויך ״בחזקת כשרות״ ווייל עס באציט זיך אויף די פריערדיגע כשרות, אבער דא וויבאלד מען האט נישט געברענגט קיין פיש, האט דאך די סעודה נישט קיין חזקת כשרות, קען איך דא נישט עסן.

בלית ברירה האט דער צדיק נישט געגעסן גארנישט ביים סעודה, הפלא ופלא נישט לאנג נאכדעם איז ארויף געקומען א שווערער שאלה אויף די פלייש וואס מען האט סערווירט אויף די סעודה, און דאן האט מען געזען ווי מען היט אויפן צדיק פון הימל, און אז מיט זיין גרויסע קדושה און זיין מנהג פון נישט עסן קיין סעודה אן קיין

פיש, האט מען פון הימל אפגעהיטן דעם צדיק פון עסן עפעס וואס האט אויף זיך א שאלה.

הרה״ק רבי יהושע׳לע טאמאשובער זי״ע איז אמאל געקומען אויף שבת קודש אין די שטאט זורקא, און איז איין געשטאנען ביי א איד ר׳ מיכאל, ערב שבת קודש ווען רבי יהושע׳לע האט עפעס געוואלט ארויסנעמען פון זיין רענצעל, האט ער באמערקט אז זיין רענצעל וואס דארט האט ער געהאט אסאך צדקה געלט, וואס ער האט צוזאמען גענומען, און אויך זיין פאספארט, איז פארשוואונדן געווארן.

תיכף האט מען אנגעהויבן צו זוכן אין די גאנצע שטוב, די רעבעצין איז באלד געווארן שטארק דערשראקן און אויפגעשוידערט, בעיקר וועגן דעם פאספארט, ווייל דעמאלט איז די רעגירונג געווען גאר שטרענג, אויב מען האט געטראפן א מענטש וואס האט נישט געהאט מיט זיך זיין אינפארמאציע פאפירן, און זיין פאספארט, און די פאליציי פלעגט פון צייט צו צייט מאכן א אונטערזוכונג צי די מענטשן האבן זייער ריכטיגע פאפירן, און אויב נישט פלעגן זיי אפילו איינשפארן אין קרימינאל, אין דערצו האט מען נישט געקענט פארן פון איין ארט צום צווייטן אן א פאס.

עס איז געווארן א גרויסער פאניק אין שטוב דער גאנצער טומל האט אבער נישט מבלבל געווען דעם גרויסן צדיק וקדוש רבי יהושע׳לע, ער האט ווייטער עוסק געווען בקדושה ובטהרה, און מיט זיין גרויס דביקות זיך צוגעגרייט צום שבת קודש, דער גאנצער שבת איז דורך ביים צדיק ווי געווענליך מיט א שלוות הנפש, און רואיגקייט בשמחה רבה, אזוי ווי גארנישט שטערט אים.

מוצאי שבת, נאך סעודת מלוה מלכה, האט רבי יהושע׳לע געבעטן אז מען זאל אים ברענגען א מדרש רבה, און ער האט זיך געזעצט לערנען מיט גרויס התלהבות, פלוצלונג האט מען געהערט גרויסע זעצן אין די טיר.

ווען מען האט געעפנט די טיר האט מען דארט געזען שטיין די אלטע משרתת, וואס האט שוין געארבעט ביי ר׳ מיכאל אין שטוב פילע יאר, עס האט זיך געווארפן הענט און פיס פון גרויס שרעק, און זי איז געווען אינגאנצן צעמישט, אין איר האנט האט זי געהאט דאס רענצעל פון רבי יהושע׳לע, וואס פון דארט האט גארנישט געפעלט.

די אלע אנוועזנדע זענען געווען פארוואונדערט, פאר קיינעם איז נישט איין געפאלן, אז די אלטע באדינערן, וואס האט שוין אזוי פיל יארן געארבעט דארט אין שטוב מיט איבערגעגעבנקייט און געטריישאפט, זאל זיין מסוגל אפצוטוען אזא מיאוסע גניבה, ווען מען האט איר געמוטשעט צו דערציילן, וואס האט איר פלוצלונג געמאכט יעצט צוריק ברענגען די גניבה, האט זי דערציילט.

אז פאר א קורצע צייט צוריק, ווען זי האט געהערט דעם קול-תורה פון דעם ראבין, וואס שטייט דא איין אין שטוב, האט איר אנגעכאפט א ״טויט שרעק״, הענט און פיס האבן איר אנגעהויבן צו ציטערן, און זי האט נישט געקענט שטיין גלייך אויף אירע פיס.

זי האט גלייך פארשטאנען אז דאס איז זיכער אלס עונש און שטראף אויף די גניבה, זי האט דערפילט אז אויב זי וועט נישט תיכף צוריק ברענגען די גניבה, וועט זי תיכף שטארבן, האט זי אנגעכאפט דעם גאנצן רענצל, און זיך געאיילט עס צוריק צו ברענגען בשלימות, און דאס אלעס האט רבי יהושע׳לע אנגעארבעט, נאר מיט זיין לערנען מדרש.

אמאל איז דער צדיק הרה״ק רבי יהושע מטומשוב זי״ע געווען אין חוסט אין די ישיבה פון הרה״ק רבי משה גרינוואלד בעל ערוגת הבושם מחוסט זי״ע, און דער צדיק רבי יהושע זי״ע האט פאר געלערנט א שיעור פאר די בחורים און יונגעלייט, איז דארט אויך געווען אפאר עלטערע בחורים ביים שיעור, און דארט איז געווען דער משמש פונעם צדיק וואס האט געהייסן שמחה.

האט דער צדיק וקדוש רבי יהושע מטומשוב זי״ע געזאגט פארן משמש, אז ער זאל אים אהין געבן זיין שטעקן, און דער צדיק וקדוש איז אריבער געגאנגען צווישן עולם, און ער האט געקלאפט מיטן שטעקן נאר אויף די עלטערע בחורים, און לפלא זענען די אלע בחורים נישט לאנג נאכדעם א חתן געווארן.

בשעת דער צדיק וקדוש רבי יהושע׳לע מטומשוב זי״ע איז געווען אין שטאט מאדע אויף שבת קודש, איז צו אים אריינגעקומען א איד און דערציילט, אז ער האט פעלדער פון טאביק און ער פארקויפט דערפון פאר די רגירונג און ער מאכט דערפון פרנסה בריוח, אבער פלוצלונג זענען די פעלדער פיל געווארן מיט ווערים, און זיין פרנסה איז איינגעשטעלט, ווייל די ווערים עסן דאך

אויף דעם טאביק, מען האט שוין פרובירט צו טוען פארשידענע פעולות און עצות צו פארטרייבן די ווערים, אבער עס האט נישט געארבעט,

האט דער צדיק רבי יהושע'לע גענומען א פאפיר און אויף געשריבן אפאר ווערטער און עס אריין געלייגט אין א קאנווערט, און געזאגט פאר דעם איד, אז ער זאל דאס אריינלייגן אין זיין פעלד, און ווען ער וועט דאס שוין נישט דארפן זאל ער אים דאס צוריק ברענגען, דער איד האט אויס געפאלגט וואס די רבי האט געהייסן, און אריינגעלייגט דעם קאנווערט אין זיין פעלד און אהיים געגאנגען,

צופרי ווען די ארבעטערס זענען געקומען צום פעלד האבן זיי געזען אינדרויסן פונעם פעלד גאנצע מחנות טויטע ווערים, זענען זיי געלאפן צום בעל הבית און אים אויפגעוועקט און דערציילט די וואונדערליכע געשיכטע, דער איד האט גלייך פארשטאנען אז דאס איז די ברכה פונעם צדיק, איז ער אריבער צום פעלד און מען האט נישט געטראפן קיין איין ווערים אונעם פעלד,

ער איז גלייך צוריק צום רבין און צוריק געברענגט דעם קאנווערט פארן צדיק, און באדאנקט פאר די ישועה, ווען דער צדיק האט צוריק באקומען דעם קאנווערט, האט ער געזאגט פארן צדיק ממאדע, מן הסתם מיינט איר אז איך האב אריין געשריבן אין דעם צעטל עפעס הויכע ענינים, קוקט וועט איר זעהן, אז איך האב נאר אריין געשריבן דעם נאמען פון מיין הייליגן טאטן "יוסף בן פעשא".

דער הייליגער צדיק רבי יהושע'לע מטומאשוב זי"ע איז איינמאל אנגעקומען אין א שטאט און איינגעשטאנען ביים רב פון שטאט, דער רב איז נישט געווען קיין חסיד, אבער זיין רעבעצין האט יא געגלייבט אין צדיקים, ווען ער איז אנגעקומען אינמיטן די נאכט האט אים דער רב מקבל פנים געווען בסבר פנים יפות, ווייל ער האט שטארק מערייך געווען דעם צדיק,

דער רב האט געוואלט מכבד זיין דעם צדיק מיט עפעס צו עסן, אבער דער צדיק רבי יהושע'לע האט נישט געוואלט, און געזאגט, אז ער וויל דווקא אז די רעבעצין זאל אנגרייטן דאס עסן, האט דער רב געזאגט אז די רעבעצין שלאפט שוין, האט דער צדיק געהייסן אז מען זאל גיין אויף וועקן די רעבעצין און זי זאל אנגרייטן די עסן,

דער רב האט געוויסט אז די רעבעצין וועט נישט ברוגז זיין אז מען וועקט איר אויף, וויבאלד זי גלייבט דאך אין צדיקים, איז דער רב געגאנגען און אויפגעוועקט די רעבעצין, פארשטייט זיך אז זי איז ארויסגעקומען מיט א שמחה אז זי האט די זכי' צו צוגרייטן א סעודה פארן צדיק,

ווי נאר זי איז ארויס פון שלאף צימער, איז די וואנט העכער איר בעט איינגעפאלן און אלע ציגל פון די וואנט זענען ארויף געפאלן אויף איר בעט, דער רב ווען ער האט געזען דעם אפענעם נס וואס דא איז פאר געקומען, האט ער געפרעגט דעם צדיק, אויב האט איר געוויסט אז די וואנט האלט ביים צוזאמפאלן, פארוואס האט איר מיר נישט גלייך געזאגט, פארוואס האט איר געברויכט נעמען דעם תירוץ וועגן די עסן פון די רעבעצין,

האט דער צדיק מיט זיין גרויס ענוות געזאגט, איך בין נישט קיין נביא, נאר ווען איך בין דא אריין געקומען אין שטוב, איז מיר איינגעפאלן אין מחשבה, אז נאר די רעבעצין זאל מיר צוגרייטן נאכטמאל, און דאס זאלט איר וויסן, אז פאר יהושע'לי פאלט נישט איין קיין נארישקייטן, און אויב איז מיר דאס איינגעפאלן אז דווקא די רעבעצין זאל מיר צוגרייטן די נאכטמאל, האט דאס געמוזט אזוי זיין.

**יארצייט**
**מיטוואך כ׳ תמוז**

**הגה״ק רבי הילל ב״ר ברוך בענדיט זי״ע,**
**(ליכטנשטיין), בעל כוונת הלב, אב״ד קראסנא,**

ער איז געבוירן אין שטאט קראסנא, י״ב תמוז בשנת תר״ס,

צו זיין טאטן הגה״ק רבי ברוך בענדיט ליכטנשטיין אב״ד קראסנא זי״ע,
בן הרה״ק רבי יעקב קאפיל ליכטנשטיין אב״ד באטלאן זי״ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת לאה ע״ה, וואס איז געווען באקאנט אלס א גרויסע צדקת, און ווי דער רב האט זיך אמאל אויסגעדריקט אויפן מאמע ע״ה בזה״ל, ״אויף א הינדל האט מיין מאמע אויך געקענט ענטפערן א שאלה״,

ביים ברית האט מען דעם קינד א נאמען געגעבן, נאכן פעטער הגה״ק רבי הילל ליכטענשטיין בעל משכיל אל דל מקאלאמייא זי״ע, און די טאטע האט מעיד געווען אז שמא קא גרים, און געזאגט, אז אין דעם זוהן איז דא ניצוץ נשמה פון דעם גרויסן פעטער זי״ע, און דערפאר איז דער צדיק טאקע געווען א גרויסע לוחם מלחמת השם און א עומד על משמרת הדת,

זייענדיג א קליין קינד איז ער געווארן שטארק נישט געזונט, און ער איז געווען ממש בגדר סכנה, אבער איין טאג האט זיך דער קינד פלוצלונג אויפגעוועקט און דערציילט פארן טאטן, אז צוויי רבנים זענען אים געקומען אין חלום און געזאגט, ״לך אכול בשמחה לחמך, כי כבר רצה אלוקים את מעשיך״, און ווען ער האט מצייר געווען די צוויי רבנים פארן טאטן, האט דער טאטע געזאגט, אז די צוויי זענען געווען די זיידע הרה״ק רבי יעקב קאפיל זי״ע, און דער פעטער הגה״ק רבי הילל מקאלאמייא זי״ע,

און בחסדי השם האט ער זיך ערהוילען, אבער פון דעם איז דער צדיק שוין געבליבן מיט א שוואכן גוף און געווען מדוכא ביסורים כל ימיו, אבער דאס האט נישט געשטערט דעם צדיק פון עוסק זיין בתורה ועבודה מיט געוואלדיגע כוחות הנפש כל ימיו,

ער האט א גרויסע חלק פון זיין תורה מקבל געווען פון זיין היילינגען טאטן רבי ברוך בענדיט זי״ע, אויך האט ער מקבל געווען פון זיין טאטן זיין דרך אין עבודת השם בקדושה וטהרה, אויך האט ער מקבל געווען דעם דרך הקנאות און מסירת נפש צו לוחם זיין אויף יעדע זאך וואס איז קעגן די תורה הקדושה און קעגן וואס מען האט מקבל געווען מדורות הראשונים,

דארט אין ישיבה פונעם טאטן זי״ע האט ער געלערנט צוזאמען מיט הגה״ק רבי שמואל דוד הלוי יונגרייז אב״ד מעדיאש זי״ע, און די צוויי גדולים האבן אסאך עוסק געווען על תורה ועבודה מיט א געוואלדיגע התמדה,

דער צדיק איז נסמך געווארן להוראה זייענדיג נאך גאר יונג דורך אסאך גדולים בדורו ובתוכם, זיין היילינגע טאטע זי״ע, חתנו הגה״ק רבי שלמה זלמן עהרנרייך משימלוי זי״ע, הגה״ק רבי ישעיהו זילבערשטיין בעל מעשי למלך מוייטצען זי״ע,

אידן תושבי קראסנא האבן מעיד געווען אז דער יונגער גאון איז אזוי שטארק געווען פארטיפט אין לערנען, אז גייענדיג אויפן גאס איז זיין קאפּ געווען אריינגעלייגט נאר אין תורה, אז ער האט זיך געקענט פון מאל צו מאל אריינקלאפן דעם קאפּ אין א גדר, און דער צדיק האט בכלל נישט געכאפט ווי ער איז, פון גרויס דביקות והתמדת התורה,

ער האט אסאך אידן מעורר געווען צו תשובה דורך זיינע פלאם פייערדיגע דרשות, און אסאך עוסק געווען אין צדקה וחסד,

ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת זיסל ע״ה,
בת הגה״ק רבי שלמה זלמן עהרנרייך בעל לחם שלמה משימלוי זי״ע,

ער האט שוין דאן עוסק געווען אין שרייבן פיל חידושי תורה, ובפרט אין די תשובת פונעם היילינגען חתם סופר, אבער ליידער איז רוב דערפון פארלוירן געווארן ביים צווייטע וועלט מלחמה, אויך האט ער זיך דאן אסאך געשריבען בשאלות להלכה מיט גאונים בדורו,

ער האט זיך אסאך מסתופף געווען בצלו פון צדיקים בדורו, ובפרט ביי הרה״ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי״ע, און ביי הרה״ק רבי חיים צבי בעל עצי חיים מסיגוט זי״ע,

אויך האט ער זיך פיל געשריבן מיט הרה"ק רבי יוסף יצחק שניאורסאהן מהריי"ץ מליובאוויטש זי"ע בעניני חסידות און ספרי חב"ד.

בשנת תרצ"ג ווען זיין הייליגע טאטע איז געווארן שוואך און מער נישט געקענט פירן די קהילה אין קראסנא, האט ער איבער געגעבן דאס הנהגה פון די קהילה און די ישיבה פארן זוהן, דאן איז דער זון דער גאון געקרוינט געווארן אלס רב הצעיר פון די קהילה, אונעם שטאט האבן דאן געוואוינט איבער 100 משפחות, און די ישיבה איז געווען איבער 80 בחורים גאונים,

אויך איז ער דאן געווארן רב אין נאך 25 שטעט אין די גלילות פון שטאט קראסנא, און דער רב איז דאן נאר געווען 33 יאר אלט, אבער ער איז געווען א אמתע מנהיג ישראל וואס האט זיך גאר שטארק אוועקגעגעבן פארן כלל, ווען דער רב האט איבער גענומען דאס רבנות אין שטאט קראסנא, איז די שטאט געווארן א שטאט פיל מיט לומדי תורה אויף א הויכען פארנעם, אפילו די בעלי בתים אין שטאט האבן געלערנט תורה, אויך איז דארט פאר געקומען א סיום הש"ס צווישן די לומדי תורה בעלי בתים,

בשנות הזעם האט דער רב מיטגעטיילט דעם זעלבן גורל וואס א גרויס חלק פון כלל ישראל האט מיט געמאכט, ער האט גאר אסאך מיט געמאכט ביי די צווייטע וועלט מלחמה ביי די דייטשן ימ"ש, מען האט אים געפירט צוזאמען מיט די גאנצע שטאט צו די שימלויער געטא, צוזאמען מיט זיין שווער און די רעבעצין הי"ד, און ליידער האט מען די גאנצע משפחה געפירט קיין אוישוויץ, און זיי זענען אלע אומגעקומען אויף קידוש השם,

דער רב איז געפירט געווארן צו צוואנגס ארבעט, און דארט האט ער גאר אסאך מיט געמאכט, דערציילט מען אז איינמאל האט א רשע א דייטש ימ"ש געשלאגן דעם רב מכות רצח, ווען דער רב האט געפרעגט פון דעם רשע פארוואס ער שלאגט אים, האט דער רשע געזאגט אז ער שלאגט אים ווייל ער לערנט תורה, ווען דער שווער משימלוי זי"ע הי"ד האט דאס געהערט, האט ער געזאגט בזה"ל, "אשריך רבי הילל, שנתפסת על דברי תורה",

אידן וואס זענען געווען מיטן צדיק אין לאגער האבן דערציילט, אז דער צדיק, אפילו ווען די רשעים האבן אים צו גענומען אלעס אפילו זיינע תפילין, האט אבער דער צדיק מיט א מסירת נפש און שוואכע כוחות ווייטער געדינט דעם באשעפער, ער האט געלערנט כסדר בעל פה, אויך האט דער צדיק געהאט פארשאפט א שערל, און מיט א מסירת נפש געבעטן אידן זאלן שערן די בארד מיט דעם, כדי די רשעים זאלן דאס נישט שניידן מיט א גאל מעסער,

אזוי האט זיך דער צדיק מוסר נפש געווען אפילו אונטער די הענט פון די רשעים, ער האט די גאנצע צייט מחזק געווען אידישע קינדער אז מען טאר נישט פארלירן דעם ריינע אמונה אינעם באשעפער, אז אלעס קומט נאר פון אים, און מען זאל קיינמאל ח"ו נישט אויף געבן ווייל מען איז נאר אין זיינע הענט, ב"ה בחסדי השם איז דער רב באפרייט געווארן י"ט אייר ל"ד בעומר בשנת תש"ה,

נאכן קריג איז ער אנגעקומען קיין לאנדסבערג אין איינע פון די שארית הפליטה לאגערן, און דארט האט ער גאר שווער געארבעט און זיך אפגעגעבן מיט די פארבליבענע אידן עוד מוצל מאש, אפילו זייענדיג צובראכן נאך די מלחמה פארלירענדיג דאס גאנצע משפחה דורך די דייטשן ימ"ש, האט ער מחזק געווען אנדערע אידן, און שווער געקעמפט צו צוריק ברענגען און אויפבויען אידישקייט,

ער האט זיך שטארק אריינגעלייגט אין היתר עגונות, וואס אסאך רבנים האבן זיך נישט געוואלט אפגעבן מיט אזעלכע האקעלע ענינים, און טייל רבנים האבן געזאגט אז ענדערש זאל מען חתונה מאכן די יתומים און יתומות וואס זענען געבליבן אליין,

אבער דער רב האט זיך נישט געלאזט און מיט מסירת נפש געשריגן אז ער נעמט אחריות אויף זיך, און ער האט געזאגט, אז אויב וועט מען מיר צוטיילן גיהנום פארן מאכן א טעות, וועל איך מיר אנטון דעם גארטל און מיט א לשם יחוד אריין טאנצן אין גיהנום פאר א צווייטען איד,

דאן כדי צו מתיר זיין עגונות האט דער רב אונטער גענומען א לאנגע רייזע פון לאנדסבערג קיין בוקארעסט, וואס דארט האבן זיך אויפגעהאלטן די ראש הרבנים וואס אויף זייער פסק הלכה האט מען זיך פארלאזט בנוגע היתר עגונות,

ובתוכם איז געווען הגה"ק המובהק רבי חיים מרדכי ראללער מניאמץ זי"ע, און דארט איז דער קראסנער רב

דורך אלע שאלות לגבי די עגונות, און דער ניאמצער רב האט אים געגעבן די פולע צושטימונג צו די היתרים, און נאך דעם באזוך האט דער רב מתיר געווען 300 עגונות,

פון די אלע שאלות להלכה דארט אין לאנדסבערג איז שפעטער ארויס געקומען דער ספר רני עקרה, אויך האט דער רב איבער גענומען דאס רבנות אין ביהמ״ד חרדים אין שטאט לאנדסבערג, ער האט מיט מסירת נפש אויפגעבויעט א מקו׳ טהרה און זיך געדארפט שלאגן דערפאר מיט די מהרתי הדת, און דער רב האט נישט געקוקט אויף זיין אייגן כבוד נאר מיט די אייגענע הענט צו געהאלפן בויען דעם מקו׳ למען טהרת ישראל,

אויך האט דער רב זיך מוסר נפש געווען למען קדושת השבת, וואס דאן זענען ליידער געווען אידן וואס האבן זיך נישט געקענט ברענגן צו היטן שבת קודש, האט דער רב סיי מיט שיינעם און סיי מיט מחאות לוחם געווען פאר קדושת השבת, אויך לגבי כשרות האט דער רב אסאך אויפגעטון נאך די מלחמה,

פאר א שטיק צייט איז דער רב צוריק געפארן קיין קראסנא צו אויפלעבן די פארבליבענע אידן און זיי פראבירן אריבער צו ברענגען קיין לאנדסבערג ווי דער רב האט פאר זיי געזארגט, שפעטער איז דער רב געפארן קיין פאריז און דארט האט ער זיך אויף געהאלטן פאר בערך דריי יאר,

דארט האט דער צדיק אסאך געטון פאר פליטים פון די מלחמה און אויף געשטעלט א וועד להצלת פליטים וואס האט ארויסגעהאלפן אידישע קינדער צו ארויסגיין קיין אמעריקע און אנדערע מדינות,

בשנת תשי״ב איז דער צדיק אנגעקומען קיין אמעריקע אין זיך באזעצט אין וויליאמסבורג, אין אויף געשטעלט קהל עדת קראסנא, ווי די תלמידים און חסידים פונעם רב און זיין טאטע ז״ע זענען געקומען דארט דאווענען און לערנען און זיך מחזק געווען נאך דעם גרויסן חורבן,

ווי באקאנט איז דער רב געווען א גרויסע קנאי און מוחה געווען אויף יעדע זאך וואס איז קעגן די תורה און מנהגים וואס מען האט מקבל געווען, אויך האט ער זיך ארויס געשטעלט גאר שטארק אויפן זייט פונעם הייליגען רבין הרה״ק רבינו יואל מסאטמאר ז״ע קעגן די מדינה הטמאה, און געווען פון די ראש המדברים ביי די פראטעסטן קעגן די מהרסים אין ארצנו הקדושה, וואס האבן ליידער אפגעפירט א גרויסע חלק פון כלל ישראל פון תורה ומצוות,

עס ווערט דערציילט, אז נאך אין שטאט לאנדסבערג איז געקומען איינמאל דער ראש הממשלה ימ״ש, און פרובירט דאן משכנע זיין אידן צו קומען קיין ארץ ישראל, און געזאגט אז דארט וועט גוט זיין פאר אידן, איז דער קראסנער רב ארויס און קיין מורא קענן אים און ער האט דארט געהאלטן א שארפע דרשה און געזאגט אז התחברות צו די ציונים איז עבודה זרע ממש,

אויך האט דער קראסנער רב ערלעדיגט און צאמגעשטעלט גרויסע סכומים צו אפקויפן דעם צייטונג ״דער איד״ פון דר. אהרן רוזמרין ע״ה, וואס דער צדיק האט געזען פאר וויכטיג ארויסצוגעבן א ערליכע צייטונג כדי אידישע קינדער זאלן נישט ליינען נישט ערליכע צייטונגען,

דער רב האט אריינגעלייגט שטארקע כוחות און מיט א מסירת נפש אוועק געגעבן אסאך צייט און כח, צו העלפן דעם סאטמער רבין ז״ע אויף שטעלן דעם ״התאחדות הרבנים דארצות הברית וקאנאדא״ און וועד הכשרות, און גאר אסאך האט דער רב געגעבן פון זיך למען החזקת הדעת אין אמעריקע, כדי די אידן אין אמעריקע זאלן קענען אויפשטעלן ערליכע אידישע דורות על דרך ישראל סבא,

בשנת תשי״ט האט דער צדיק ליידער געהאט א שווערער סטרוק און דאס האט אים זייער אפגעשוואכט, און ער איז מער נישט ארויס געקומען צווישן דעם ציבור, און בשנת תשכ״ב האט זיך די קראסנא קהלה אריבער געצויגען קיין בארא פארק ווי מען האט אויף געשטעלט א שיינעם ביהמ״ד און תלמוד תורה און ישיבה, ווי מען האט געלערנט תורה אויפן אלטען וועג וואס מען האט מקבל געווען פון די פריעדיגע צדיקים,

נאך די מלחמה האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת אלטא שלימא גרינבערגער ע״ה, בת הרה״ח רבי יצחק מנחם גרינבערגער ממאקעווע ז״ע, וואס האט מיט געברענגט מיט זיך דריי קינדער, איין זוהן און צוויי טעכטער,

לליידער האט דער צדיק נישט זוכה געווען צו קיין זש״ק, און ווי עס ווערט דערציילט האט ער זיך איינמאל מזכיר געווען ביי הרה״ק מהר״א מבעלזא ז״ע, און דער

הייליגער בעלזער רב האט אים אנגעוואונטשען, "שיזכה להרביץ תורה לרבים", אויך שוין דא אין אמעריקע האט זיך דער רב מזכיר געווען ביי הרה"ק מסאטמאר זי"ע, און דער הייליגער סאטמארער רבי האט אים געזאגט, "איהר האט דאך געטרייע תלמידים, דאס ווערט דאך אויך אנגערופען קינדער".

און ווי עס איז באוויסט זענען זיינע תלמידים טאקע פארעכנט געווארן אלס זיינע קינדער, ווי ער פלעגט זיך באמת מיט פרייען מיט די שמחה ביי יעדן תלמיד פרעזענליך.

ער האט אויפגעצויגן די קינדער פון זיין זיווג שני נאך די מלחמה,
הגה"צ רבי שמואל ליכטנשטיין דומ"ץ קראסנא שליט"א,
חתנו הגה"ק רבי יחיאל מיכל פריעד בעל אמרי פי אב"ד קראסנא זי"ע,
חתנו הגה"ק רבי שמואל זאב ליכטער אב"ד כוונת הלב זי"ע.

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע דברי תורה און חידושי תורה און שו"ת,
ספר כוונת הלב, על התורה ומועדים,
שו"ת כוונת הלב,
קונטרס כוונת הלב, בענין חלב סתם,
ספר רני עקרה, תשובות בהלכות עגונות,
ספר חותמי ברכה,
קונטרס אני בלב ים,

נסתלק לגנזי מרומים כ' תמוז בשנת תשל"ט, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין לאנג איילענד,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

ווען דער קראסנער רב רבי הילל ליכטענשטיין זי"ע איז אנגעקומען קיין אמעריקע, האבן זיינע תלמידים אויף געשטעלט א ביהמ"ד אין וויליאמסבורג, און ער האט מסדר געווען א שיעור וואס ער האט פאר געלערנט 5:30 פארטאגס, און די ערשטע וואך זונטאג איז דער רב אנגעקומען אין ביהמ"ד 5:30 צו פאר לערנען זיין שיעור, אבער קיינער איז נישט דארט געווען, שפעטער ווען דער עולם איז אנגעקומען צום דאווענען, האט דער רב געפרעגט ווי איז דער עולם געווען ביים שיעור היינט צופרי, האט מען געזאגט פארן רב, אז דא אין אמעריקע איז זונטאג א חגא, און מען ארבעט נישט און דערפאר שטייט דער עולם אויף שפעטער, האט דער רב געזאגט, אויב קומט מען נישט זונטאג צום שיעור אזוי ווי די גאנצע וואך, וואס ברויך איך א ביהמ"ד.

ווען דער קראסנער רב איז געווען רב אין לאנדסבערג נאך די מלחמה, האט א איד וואס האט ליידער נישט געהאלטן קיין אידישקייט מכבד געווען דעם רב מיט סנדיקאות ביים ברית פון זיין זוהן,

ווען דער איד איז געקומען מכבד זיין דעם רב, האט אים דער רב אויסגעפרעגט ווענן זיין אידישקייט, און וואס דער רב האט געפרעגט האט דער איד געזאגט אז דאס האלט ער נישט, און דאס האלט ער נישט,

האט דער רב זי"ע געזאגט, אז ער וועט קומען צום ברית, נאר אויב דער איד נעמט זיך פאר אז ער וועט אנהייבן היטן שבת קודש, און טהרת המשפחה, און דער איד האט צו געזאגט פארן רב אז ער נעמט זיך דאס פאר, איז דער רב געקומען צום ברית און מיטגעברענגט א מנין שומר תורה ומצות צום ברית, און בעפאר דעם ברית האט דער רב געהאלטן א פייערדיגע דרשה פאר א שעה צייט, און מסביר געווען דאס חשיבות פון מאכן א ברית און וואס דאס מיינט פאר א איד, און דאן האט מען אפגעראכטן דעם ברית,

דרייסיג יאר שפעטער איז איינער פון די תלמידים וואס זענען געווען ביי דעם ברית מיטן רב, געווען אין פלארידע אויף אפרי, גייענדיג אויפן גאס טרעפט ער א איד מיט זיין זוהן גייען אויפן גאס, דער איד קומט צו צו דעם תלמיד און פרעגט אים אויב ער דערקענט אים, דער איד האט יענעם נישט גלייך דערקענט,

אבער דאן זאגט אים יענער איד, די ביסט געווען מיטן קראסנער רב אין לאנדסבערג ביי א ברית, זאגט דער תלמיד יא, פרעגט דער איד די געדענקסט ווי דער רב האט געהאלטן א פייערדיגע דרשה בעפארן ברית,

זאגט דער איד, איך בין געווען דער בעל ברית און דאס איז דער קינד וואס איך האב דאן גע'מל'עט, און דאס אז איך בין היינט א שומר תורה ומצוות איז אלעס צו פארדאנקען דעם קראסנער רב זי"ע.

הרה"ח רבי בנימין צבי בערקאוויטש ע"ה וואס איז געוועזן דער מנהל אין בית רחל אין סאטמאר האט דערציילט, אז ער איז געווען אין לאגער צוזאמען מיטן הייליגען קראסנא רב זי"ע און נאך 40 אנדערע אידן, איין יאר שבעה עשר בתמוז וואס איז געווען א נדחה, האבן די אידן אפ געמאכט, אז מען וועט פאסטן דעם גאנצן טאג, און ווען מען האט סערווירט דאס ביסל עסן אינמיטן טאג, האט יעדער דאס באהאלטן און געווארט עס זאל ווערן נאכט, און דאן וועט מען אויספאסטן,

ביינאכט ווען יעדער איז שוין געווען אין בעט, האבן די אידן גערעדט צווישן זיך, און פלוצלונג קומט אריין איינע פון די דייטשע אפיצירען און ער האט דערוואוסט אז דער עולם האט אוועק געלייגט דאס עסן, און דער רשע האט אויס געגאסן זיין כעס אויף די עסן און דאס אלעס אוועק גענומען, פארשטייט זיך אז דער גאנצער עולם נאכדעם וואס מען האט זיך אויס געהינגערט די גאנצע טאג, איז די צער און עגמת נפש און דאס הונגער געווען אומדערטרעגליך,

אבער פלוצלונג איז איינע פון די אידן ארויס געקומען פון בעט, און ער האט אנגעהויבן מחזק זיין די אידן און געזאגט, טייערע אידן ווייסט איר ווי דער הייליגער באשעפער איז, דער גרויסער באשעפער איז טאקע דא מיט אונז אינעם לאגער, און מיר ברויכן גלייבן באמונה שלימה אז וואס עס פאסירט פאר אונז איז אלעס נאר דורך דעם הייליגען באשעפער, און דער גרויסער באשעפער ריפט זיינע גרויסע מלאכים און וויזט זיי און זאגט, קוקט אויף מיינע טייערע קינדער, ווי זיי זענען זיך מוסר נפש צו פאסטן די גאנצע טאג, און דא נעמט מען זיי צו דאס ביסל עסן, און מיט דעם אלעם ווילן זיי נאך אלס בלייבן געטרייע פאר מיר, און דאס ברענגט גרויס כבוד און נחת רוח פארן באשעפער,

פארשטייט זיך אז די ווערטער פון דעם איד האט אריין געבלאזן א רוח חיים אין אלע אידן, דערציילט רבי בנימין צבי, אז דאן ביינאכט האט קיינער נישט געוויסט ווער דער איד איז, אבער שפעטער איז מען געוואר געווארן, אז דאס איז געווען דער הייליגער קראסנא רב זי"ע, און מיט זיינע ריידט האט ער די אלע צובראכענע אידן מחזק געווען,

**יארצייט**
**דאנערשטאג כ"א תמוז**

**הרה"ק רבי אברהם מתתיהו ב"ר מנחם נחום זי"ע, (פריעדמאן), אדמו"ר משטעפינשט,**

ער איז געבוירן אין שטאט פאטיק אין גאלציה, א' דחנוכה כ"ה כסלו בשנת תר"ח,

צו זיין טאטן הרה"ק רבי מנחם נחום פריעדמאן ראש שושלת שטפנשט זי"ע,
בן הרה"ק רבי ישראל ראש שושלת רוזשין זי"ע,
בן הרה"ק רבי שלום שכנא מפראהביטש זי"ע,
בן הרה"ק רבי אברהם המלאך זי"ע,
בן הרה"ק רבי דוב בער המגיד הגדול ממעזריטש זי"ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת בת הרה"ח רבי אלעזר קאושאנסקי ז"ל,
פון די גזע פון הרה"ק רבי גדליה בעל תשואות חן מליניץ זי"ע,

זאת חנוכה איז געווען די ברית, און בהוראת דעם זיידן הסבא קדישא מרוזין זי"ע, האט מען דעם קינד א נאמען געגעבן אברהם נאכן זיידן הרה"ק רבי אברהם המלאך זי"ע, און מתתיהו נאך מתתיהו כהן גדול ע"ה, און דער זיידע האט געגעבן א ברכה "אז דער קינד זאל זיין א בכל כח אזוי ווי מתתיהו כהן גדול",

און די ברכה פונעם הייליגען זיידן איז טאקע מקיים געווארן, אז אפילו דער צדיק מיט זיין געוואלדיגע קדושה און פרישות האט דאך כמעט גארנישט געגעסן, און זיין עבודת הקודש איז געווען מיט א געוואלדיגע התלהבות, האט ער אבער מאריך ימים געווען ביז בערך 85 יאר, און קיינמאל נישט געווען ביי קיין דאקטאר,

ער איז געווען א קדוש אלקי, צורתו כמלאך אלקים, עובד השם בקדושה ובטהרה ופרישות, ער איז געווען א בקי בתורת הנגלה ובתורת הנסתר, דער צדיק האט געלערנט תורה מיט א געוואלדיגע התמדה און קדושה וטהרה, ער האט מרביץ תורה געווען פאר תלמידים גאונים וצדיקים בדורו, טויזענטער אידן האבן זיך אין דעם צדיק מדבק געווען און אידן ובתוכם צדיקי הדור זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק, אויך איז ער געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום און א גאר גרויסע פועל ישועות, און צדיקים בדורו האבן מעיד געווען, אז דער צדיק איז געווען פון די ל"ו צדיקים בדורו,

דערציילט הרה"ח ר' יוסל אהרונוביץ ז"ל אז איינמאל איז די טאטע הרה"ק רבי מנחם נחום משטפנשט זי"ע געפארן אויף א וואגן צוזאמען מיט זיין זוהן הרה"ק רבי אברהם מתתיהו זי"ע, און ער האט געהייסן דעם זוהן צו פירן דעם וואגן, און ער האט זיך אנגערופן, "ב"ה מיין קינד קען שוין פירען דיא וועלט",

אויך ווערט דערציילט, אז דער יונגער צדיק איז געווען ביי די גרויסע חתונה, ווען דער הייליגער צדיק הרה"ק רבי יצחק פריעדמאן בעל פחד יצחק מבויאן זי"ע איז געווארן אן איידעם ביי הרה"ק רבי יוחנן מרחמסטריווקא זי"ע, זענען דארט ביים חתונה געווען געווען גאר אסאך צדיקי הדור,

דער טאטע הרה"ק רבי מנחם נחום זי"ע איז שוין געזעצן אויבן אן, און דער זוהן הרה"ק רבי אברהם מתתיהו זי"ע האט פרובירט זיך ארויף באקומען צום אויבן אן צו זעהן דעם פני קודש פון די צדיקים, ווען דער טאטע האט געזעהן דעם זוהן, האט ער זיך אנגערופען, "לאזט דורך מיין הייליגן בן יחיד", ווען הרה"ק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע האט דאס געהערט, האט ער געפרעגט פון וועם רעדט מען דא, ווען מען האט געוויזען פארן צדיק מטשערנאביל אויפן זוהן, האט ער צו געשאקעלט מיטן קאפ און געזאגט "יא יא טאקע",

איין נאכט ווען דער קינד איז אריינגעקומען צום טאטן ווינטשען "א גוטע נאכט", איז דארט ביים טאטן געווען איינע פון די גדולי הדור, האט דער טאטע געוויזן אויפן קינד און געזאגט, "די זעהסט איהם, דאס וואס איך קען, קען ער שוין אויך, מ'וועט בי איהם שווער פועל'ן מ'וועט איהם דארפין דערקיטשען, און אז ער וועט צו זאגן, וועט איהר דאס האבן אין דער האנט",

ער איז אויפגעוואקסן ביי זיין טאטן אלס דער בן יחיד, און געווען זייער באליבט ביים זיידן דער הייליגער רוזינער זי"ע, אסאך תורה און עבודת השם האט ער מקבל געווען פונעם זיידן, און נאך אויף די עלטערע יארן האט ער געזאגט, אז ער האט זוכה געווען צו לערנען די א"ב פונעם זיידן, און ווען מען איז אנגעקומען צו דעם אות יוד, האט דער זיידע געפרעגט פונעם אייניקל וואס איז די אות, האט דער אייניקל געזאגט, דאס איז די זיידע, "די זיידע איז א יוד", האט דער זיידע געפרעגט און

וואס ביסטו, האט ער געזאגט, "איך בין א קליינע יודעלע", האט דער זיידע געזאגט, "דו וועסט נאך זיין א גרויסע יוד",

אלס בן יחיד האט דער טאטע גאר שטארקע כוחות אריין געלייגט אין דעם קינד, דער טאטע האט זיך כמה פעמים אויסגעדריקט אויף זיין קינד, "בני יחידי הקדוש", אדער, "בני מתתיהו הוא אדם השלום", שוין דאן זייענדיג גאר יונג, פלעגט שוין דער טאטע שיקן אידן וואס זענען זיך געקומען מזכיר זיין פאר ישועות, צום זון אברהם מתתיהו זי"ע, און ער פלעגט זאגן פאר די אידן, אז זיי זאלן זיך עק'שנן מיטן קינד, ווייל ער וועט זיכער זאגן אז ער קען נישט, און אידן האבן טאקע געזען גרויסע ישועות ביי דעם קינד.

בשנת תרכ"ב ביי די 14 יאר אלט האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת טאכטער פון הנגיד הרה"צ רבי יצחק רייך זי"ע, חתן הרה"ק רבי אשר ישעי' בעל אור ישע מראפשיץ זי"ע, אבער ליידער נאך 11 יאר וואס ער האט נישט געהאט קיין קינדער מיט דעם זיווג, האט ער זיך געשייד פון דעם זיווג ראשון,

בזיווג שני האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת שרה צפורה ע"ה,
בת דודו הרה"ק רבי יוסף מאנזאהן זי"ע,
חתן הרה"ק רבי ישראל מרוזין זי"ע,

י"ד כסלו בשנת תרכ"ט איז דער טאטע הרה"ק רבי מנחם נחום משטפינשט זי"ע נסתלק געווארן, האט דער זוהן דער בן יחיד נישט געוואלט נעמען דאס רבנות, אבער נאך די הפצרה פון די צדיקים און זקני חסידים בדורו, האט ער נאכן יאר פונעם טאטן'ס פטירה, זייענדיג 21 יאר אלט איבער גענומען די הנהגה פון די קהלה אין שטפינשט, ער האט די קהלה געפירט מיט א שטארקע האנט, טויזנטער אידן זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש, ובתוכם צדיקים און גדולים בדורו, און דאן איז ער נתפרסם געווארן אלס א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות,

אפילו די גוים פון שטאט און אלע ארימיגע שטעט האבן געוויסט די גדלות פון דעם צדיק, און זענען געקומען פאר ברכות, הונדערטער אידן זענען געהאלפן געווארן מיט קינדער חוץ לדרך הטבע, און קראנקע זענען געזונט געווארן דורך זיינע ברכות, אויך זענען אסאך אידן געהאלפן געווארן מיט פרנסה און כל מיני ישועות,

ער האט געהאט א גאר אינטערסאנטע וועג פון ברענגען ישועות פאר אידן, ווען מען איז געקומען צום צדיק זיך מזכיר זיין פאר א ישועה, האט ער געהייסן דעם איד ארויפלייגן זיין האנט אויף זיין אייגן הארץ, און ער פלעגט פרעגן, "האסט אמונה", און דאן האט ער געוואונטשן א ישועה, און געזאגט, "השי"ת זאל העלפן זאלסט האבן א רפואה שלימה", און פאר קינדער האט ער געזאגט, "השי"ת זאל העלפן זאלסט האבן זש"ק", אידן האבן געזען ממש אפענע מפתים און ישועות,

ער האט געהאט תלמידים גדולים בתורה ובתוכם זענען געווען צדיקים וקדושים,

הרה"ק רבי חיים זאנוויל אבראמאוויטש מריבניץ זי"ע,
הרה"ק רבי אליעזר זוסיא פארטוגאל אדמו"ר מסקולען זי"ע,
הרה"ק רבי יעקב יוסף טווערסקי מסקווירא זי"ע,
הרה"ק הצדיק רבי משה ווייס זי"ע, הנקרא ר' משה בטלן, משב"ק אצל הרה"ק רבי דוד מסקווירא זי"ע,

דרכו בקודש איז געווען נישט צו זאגן קיין דברי תורה ברבים, נאר ער פלעגט זאגן קורצע מאמרים, אבער ער האט דורך די ווערטער אסאך אידן געברענגט נענטער צום גרויסע באשעפער, ורבים השיב מעון,

ער פלעגט נאך זאגן בשם פונעם טאטן, הרה"ק רבי מנחם נחום זי"ע בזה"ל, "ווער ס'וויל האבן א פרייליכע שבת, זאל רעדן ליל שישי פונעם הייליגן זיידן דער גרויסער צדיק רבי שלום מפרוהוביטש זי"ע, און דערציילן א מעשה און דערמאנען זיין נאמען הרה"ק רבי שלום שכנא ב"ר אברהם המלאך ואמו מרת גיטל זי"ע, וועט מען האבן א פרייליכע שבת קודש, און אז מען האט נישט קיין סיפור, זאל מען רעדן פון זיינע הייליגע טישן און בענק,

הגה"ק המקובל רבי אשר זעליג מרגליות זי"ע איז געווען פאר א שטיק צייט אין רומעניה, און זיך מסתופף געווען ביי די צדיקי רוזין, האט ער דערציילט, אז ער פלעגט טעגליך אריין קוקען און שטוב פונעם צדיק משטפינשט, האט ער דערציילט, אז דער צדיק איז געזעצן נאכן דאווענען, און עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, און ווען מען האט אריין געברענגט עסן פארן צדיק, האט ער ממש טועם געווען דערפון, און דערנאך ארויס געשיקט דאס עסן, וואס פון דעם האבן זיך אלע שטוב מענטשן געשפייזט יעדן טאג,

הרה"ק רבי יעקב יוסף מסקווירא זי"ע האט דערציילט, אז איינמאל ווען ער איז געווען אין שטאט יאס, איז דער צדיק משטפינשט ארויס געקומען פון מקו', איז דער צדיק מסקווירא צו געגאנגען און געוואלט געבן די הענט פארן צדיק,

אבער די רבי האט גלייך אוועק געצויגען זיינע הענט, ווייל ער האט מרגיש געווען אז דער סקווירא רבי איז נאכנישט געווען אין מקו',

דער צדיק האט ליידער נישט איבער געלאזט קיין זש"ק, אבער זיינע היילגע דברי תורה און מאמרים און אויך זיינע געהויבענע תלמידים וואס חז"ל זאגן, תלמידים קריאים בנים, האט דער צדיק וקדוש איבער געלאזט פאר די וועלט, און טאקע אסאך פון זיינע תלמידים האבן ממשיך געווען דעם דרך אין עבודת השם פון זייער גרויסן רבין און באלאכטן די אויגן פון אידישע קינדער נאך דעם ביטערן חרבון פונעם צווייטן וועלט מלחמה,

נסתלק לגנזי מרומים בחצות ליל שבת קודש כ"א תמוז בשנת תרצ"ג, און מען האט דעם צדיק באערדיגט זונטאג אין שטאט יאס אין רומניה, און בשנת תשכ"ט האט מען דעם גוף קדוש מפנה געווען קיין ארץ ישראל, און מנוחתו כבוד איז אין ביה"ח נחלת יצחק אין גבעתיים,

דערציילט מען אז 36 יאר נאך די פטירה האט מען ארויף געברענגט דעם גוף קדוש קיין ארץ ישראל, און לפלא האט מען דעם גוף קדוש געטראפן גאנץ, כאילו מען האט דעם גוף קדוש ווען היינט באערדיגט, און די צדיקי הדור האבן געהייסן, אז מען זאל דעם לוי' מאכן אויפן מנהג א"י נישט אין קיין ארון נאר אויף א בעט, כדי יעדער זאל זעהן דעם קדושה פון דעם צדיק אז עס האבן נישט שולט געווען קיין ווערים אויפן גוף קדוש,

הרה"ק מריבניץ זי"ע האט געזאגט, אז אין דעם טאג כ"א תמוז, וואלגערט זיך ישועות אונטערן טיש, און עס איז א גרויסע טאג, יעדער קען פועל'ן פאר זיך אליין, דעם ציון קדשו פונעם היילגען צדיק איז א מקום ווי טויזנטער אידן הזקוקים לישועה קומען דארט מתפלל זיין, און טויזענטער אידן זעהן ישועות, ובפרט אונעם טאג פונעם יארצייט,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

דער היילגער צדיק רבי חיים זאנוויל מריבניץ זי"ע האט אמאל דערציילט וועגן די גרויסע עבודה פון זיין רבין דער היילגער שטפינשטער זי"ע ביי די "נענועים" יו"ט סוכות מיטן אתרוג, האט דער ריבניצער זי"ע דערציילט, אז דער צדיק דער היילגער שטעפינעשטער זי"ע, פלעגט קענען שטיין עטליכע שעה רצופות איינגעבויגן, אן זיך אפילו נישט רירן קיין אבר,

און דער היילגער ריבניצער פלעגט מסביר זיין, אז אין רוסלאנד פלעגט זיין איינע פון די עונשים וואס מען האט ארויפגעלייגט אויף סאלדאטן, אז זיי זאלן שטיין א משך פון א האלבע שעה אן מאכן קיין שום תנועה, און כמעט קיין איינער פון די אלע סאלדאטן איז נישט געווען מסוגל עס אויסצופירן, אבער דער היילגער שטעפינשטער זי"ע פלעגט שטיין ביי די נענועים שעה'ן לאנג און זיך נישט גערירט קיין איבר, און דער ריבניצער זי"ע האט צו געלייגט, ס'האט זיך געגאסן שוויס פונעם שטפינשטער'ס פינגער, אבער דער אתרוג אליין פלעגט אליין בלייבן טרוקן.

הרה"ק רבי משה בטלן זי"ע וואס איז געווען פון די גרויסע תלמידים פונעם היילגען שטעפינעשטער זי"ע האט דערציילט, אז אמאל זענען געקומען צוויי גוים פון רוסלאנד, וועלכע זענען באוואוסט געווען אלס גרויסע שונאי ישראל, איינער האט געהייסן כאדון, און דער אנדערער קוזא, און זיי זענען געקומען אין די געגנט נעבן שטעפינשט כדי צו אנרייצן די דארטיגע גויים, אז זיי זאלן מאכן א פאגראם אויף די אידן,

דער שטעפינשטער רבי זי"ע איז נאך דאן נישט געווען מפורסם מיט זיינע מופתים, האבן די חסידים געוואלט רופן פאליציי זיי זאלן היטן אויף די שטאט און אויפן רבי'נס הויז, אבער ווען די פאליציאנטן זענען אנגעקומען האט זיי דער רבי אוועק געשיקט, זאגנדיג צו די מקורבים, פון גויים וועט נישט ארויסקומען קיין שמירה, דער אויבערשטער וועט העלפן אן זיי,

די צוויי דערמאנטע שונאי ישראל זענען דאן געווען אינעם דערנעבנדיגן שטעטל פוזעט, דארט איז געווען די באן סטאנציע, און פון דארט האט מען געדארפט נעמען א פערד און וואגן קיין שטעפינשט, און ווען די צוויי גוים האבן געוואלט אראפגיין פון די באן סטאנציע אין פוזעט, האבן זיי זיך אנגעהויבן שפירן שלעכט און זענען

גלייך אוועק געפאלן, פארשטייט זיך אז דער גאנצער פאגראם איז בטל געווארן, און די גאנצע שטאט האט געטומלט פונעם גרויסן מופת פון הייליגן שטעפינשטער זי"ע.

א חסיד פון בעסאראביע, א סוחר פון קוטשמעס, איז געווען אין א גרויסן קלעם, ער האט געהאט זייער אסאך קוטשמעס און ס'איז שוין פאראיבער צוויי מאל ווינטער, און ס'איז אים נישט געלונגען צו פארקויפן די קוטשמעס, די סחורה האט זיך כמעט נישט גערירט און ס'איז געליגן כאבן שאין לה הופכין,

און איידער ס'איז אנגעקומען דער דריטער ווינטער וואס די סחורה איז געלעגן ביי יענעם חסיד, האט דער חסיד געוויילט אויף שמיני עצרת און שמחת תורה אין שטעפינשט, און שמחת תורה ביינאכט, ווען די חסידים האבן געשפרינגען און געטאנצט און זיך געפרייט מיט די הייליגע תורה, איז דער שטעפינשטער געשטאנען און געקוקט אויף זיי, און דער הייליגער צדיק דער שטעפינשטער איז געווען אין א דביקות,

איז יענער חסיד, וועלכער איז געווען אביסל מבושם און נישט געקענט שולט זיין אויף זיך, צו געגאנגען צום רבי'ן און האט אנגעהויבן זינגען מיט א ניגון המקובל, "היינט ווען מיר האבן געבענטשט גשם, האבן מיר געזאגט, מִסּוֹד חֲכָמִים וּנְבוֹנִים, דער אויבערשטער זאל מיר צושיקן גוטע קונים, וּמִלֶּמֶד דַּעַת מְבִינִים, וואס זיי זאלן נישט זיין קיין גרויסע מבינים, אֶפְתְּחָה פִּי, און יעדער זאל שרייען גיב די קוטשמע לי", דער חסיד האט געווארט אז דער רבי זאל אים ענטפערן אויף די בקשה, אבער דער הייליגער שטפינשטער איז געשטאנען און געקוקט אויף אים און גארנישט רעאגירט,

אבער איידער דער חסיד איז אהיים געפארן נאך יום טוב, איז ער זיך אריין געזעגענען פונעם רבי'ן, וועלכער האט אים געפרעגט, "וואס האסטו נאר געזאגט שמחת תורה ביינאכט", דער חסיד האט זיך אבער שוין יעצט געשעמט איבער צו זאגן יענעם "פזמון", אבער דער הייליגער שטעפינשטער האט אים נישט צורו געלאזט, און פארלאנגט, אז ער זאל איבער זאגן זיינע דעמאלטדיגע רייד,

בלית ברירה האט דער חסיד איבערגעזאגט זיינע ווערטער, און דער הייליגער שטפינשטער האט אים דערביי צגעזאגט "שפע ברכה והצלחה", לפלא יענעם יאר איז יענער איד געבענטשט געווארן מיט א געוואלדיגער שפע, און פארקויפט די גאנצע סחורה וואס ער האט נאך געהאט ביי זיך פון פריערדיגע יארן, און האט מיט די רווחים חתונה געמאכט אלע זיינע קינדער בכבוד.

די חסידים פונעם צדיק פלעגן דערציילן, אז די עבודת הקודש פונעם צדיק איז געווען עד אין לשער, ווען ער האט עוסק געווען בתורה איז ער געווען אויסגעטון פון די וועלט, אפאר מאל זענען זיינע שטוב מענטשן אריין געקומען אין זיין חדר הלימוד, און געזען ווי דער נאפט לאמפ רייכערט געפערליך, און אפאר מאל איז דער פנים פונעם צדיק ממש שווארץ געווארן פון די רויעך, אבער ער איז געווען אזוי אריין געטון אין זיין עבודה, אז ער האט ממש נישט מרגיש געווען די רויעך.

אויך האט דער צדיק געהאט א דריי ביז פיר שעה יעדן טאג, וואס דאן האט ער עוסק געווען אין הויכע ענינים, און קיינער האט נישט געמעגט אריין קומען דאן אין שטוב, און פאר ער איז ארויס געקומען, האט ער צוריק געלייגט אלע ספרים, ווייל ער האט נישט געוואלט קיינער זאל וויסן וואס ער האט דאן געלערנט.

דערציילט איינע פון די שטוב מענטשן, אז אין שטאט שטפינשט איז געווען א קצב, וואס איז געקומען געלט פאר א גוי, איין טאג איז דער גוי געקומען אפנעמען זיין חוב, און דער קצב האט געהאלטן אינמיטן האקן פלייש, ווען דער גוי איז אריינגעקומען, האט זיך אים געדאכט אז דער איד וויל אים שעדיגן, און דער גוי האט געכאפט א האר'ן אטאקע און גלייך געשטארבן,

דער איד האט זייער מורא געהאט וואס דאס קען ברענגען אויפן גאנצן שטאט, אז די גוים וועלן טראכטן אז דער איד האט גע'הרג'עט דעם גוי, איז ער געלאפן צום רבין און מזכיר געווען ביים רבין זיין צרה, האט דער צדיק געהייסן פאר דעם איד, אז ער זאל אוועק פארן פונעם שטאט פאר אפאר טאג און מען וועט פארגעסן די גאנצע מעשה,

און כך הוה די גאנצע מעשה איז פארגעסן געווארן, איז די רעבעצין אריין צום מאן דער רבי און געזאגט, אויב די רבי האט יא אזא גרויסן כח, פארוואס פועלט די רבי נישט אויס פאר אונז זש"ק, האט דער צדיק געזאגט פארן רעבעצין, די האסט נישט די אמונה תמימה וואס דער קצב האט, און דערפאר קאן איך נישט העלפן.

דער צדיק האט געהאט א מנהג צו זיין צוויי וואכן אונעם חודש אדר אין שטאט דורוהוי, מען האט דעם צדיק מקבל געווען מיט גרויס כבוד, די גאנצע שטאט איז ארויס מקבל פנים זיין דעם צדיק, און אויך האט מען דעם צדיק ארויס באגלייט מיט גרויסע כבוד,

איינמאל אויפן וועג ארויס איז געווען א שרעקליכע שטיפעניש, און די וואגן איז ארויף געפארן אויף א פיס פון איינע פון די באגלייטער'ס, און עס איז געשעדיגט געווארן, דער צדיק איז געווען אין א געוואלדיגע דביקות און ער האט בכלל נישט מרגיש געווען וואס עס האט פאסירט,

האט מען דעם איד גענומען און ארויף געטראגען אויפן וואגן, און צו געפירט צום צדיק און מזכיר געווען דעם איד, האט דער צדיק ארויפגעלייגט ידיו הקדושות אויפן איד און געזאגט בזה"ל, "איי יוסיל יוסיל, וואס מאכט זיך נאריש, געה שוין געה שוין", כך הוה דער איד האט זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס און געגאנגען כאחד אדם.

הרה"ח רבי יצחק חכם ז"ל איינע פון די גרויסע חסידים פונעם רבין האט דערציילט, אז איין טאג בעפארן דאווענען שחרית, האט דער צדיק געפרעגט, "אויב עס איז דא א קינד אויפן גאס נעבן דעם ביהמ"ד, און ער האט געבעטן אז מען זאל דעם קינד אריינרופען צו אים", מען איז ארויס און מען האט טאקע געטראפן א קינד גייענדיג אויפן גאס מיט א טשיקן אין די הענט גייענדיג צום שוחט,

האט מען געזאגט פארן קינד אז די רבי רופט אים, דער קינד האט געפאלגט און אריין צום רבין, און דארט געבליבן ביז נאכן דאווענען, דאן האט דער צדיק געזאגט, "נא מען קען אים שוין באפרייען", די אידן דארט אין ביהמ"ד האבן נישט פארשטאנען וואס דא האט פאסירט, עס איז זיי געווען א גרויס וואונדער פארוואס די רבי האט דעם קינד אריין געריפן, און גלייך נאכן דאווענען אים אהיים געשיקט,

אבער שפעטער איז מען געוואויר געווארן, אז נישט ווייט פונעם ביהמ"ד דארט ווי דער קינד האט געברויכט דורך גיין, האט זיך באהאלטן א גוי א שיכור מיט א מעסער, און אפגעווארט דעם קומענדיגען מענטש וואס גייט דורך, און געוואלט יענעם באפאלן מיטן מעסער, און דאן איז דורך א נישט אידישע פאליציי און דער גוי איז אים באפאלן, דאן האט מען געזען די הייליגע אויגן פון דעם צדיק, אז ער האט געראטעוועט דעם קינד פון ח"ו זיין דער קרבן פארן גוי דער שיכור.

דערציילט איינע פון די חסידים פונעם רבין, אז איינמאל האט איינע פון די גרויסע פאליציי פונעם שטאט אריין געגעבן א קלאגע אויפן רבין, אז ער ארבעט קעגן די ממשלה פון רומניה, און געברענגט א רייע, אז ביים רבין קומען הונדערטער מענטשן פון אנדערע שטעט, און דער צדיק וויל איבער נעמען דעם ממשלה פונעם מדינה אין רומניה,

די גוים האבן זיך צו געכאפט דערצו, און מען האט ארויסגעגעבן א באפעל אריבער צו ברענגען דעם צדיק אין פאליציי סטאנציע, און דארט מאכן דעם משפט קעגן דעם רבין פארן מורד זיין אין די מלכות רומניה,

מען איז געקומען דערציילן פארן רבין, אז עס שוועבט אויף אים א גרויסע גזירה, און מען האט דערציילט פארן רבין וועגן די מסירה וואס די פאליציי האט אריינגעגעבן, און דאס איז געווען בעפארן דאווענען שחרית, און די פאליציי האבן געווארט צו נעמען דעם רבין אין סטאנציע, האט דער צדיק געזאגט, אז מען זאל בעטן די פאליציי אז מען זאלווארטן ביז נאך שחרית, און ער וועט אליין אריבער קומען צום פאליציי סטאנציע,

גלייך נאך שחרית איז דער צדיק מיט זיינע חסידים אריבער צו די פאליציי, און מען האט גלייך געבעטן פון דעם גרויסן אפיציער, אז ער זאל זאגן זיין עדות קעגן דעם רבין, אבער דער אפיציער איז שטום געווארן ער האט נישט געקענט ארויסרעדן א ווארט פון מויל, האט מען געברענגט א פעדער און פאפיר אז ער זאל קענען אראפשרייבן די עדות, אבער זיינע הענט האבן זיך אנגעהויבן ווארפן און ציטערן, אז ער האט נישט געקענט גארנישט שרייבן,

דער שופט איז געווארן מלא כעס אויף דעם אפיציער פארן אראפשלעפן אלע שופטים און משוגע מאכן יעדן איינעם, איז ער צו געגאנגען צו דעם אפיציער און אראפגעריסן אלע זיינע מאדאלען, און אים פארשיקט מיט בושות און חרפות, און מען האט גלייך באפרייט דעם רבין, פארשטייט זיך קללות צדיק עושה רושם, דער אפיציער איז אזוי געבליבען כל ימי חייו און געווען צו שפאט און צו שאנדט ביי די גאנצע שטאט, און כידוע האט זיך דער צדיק כמה פעמים אויסגעדריקט בזה"ל,

"וואס זאל איך טוהן, אבער פון הימל נעמט מען זיך אהן פאר מיר".

איינמאל האט דער צדיק באזיכט אונעם שטאט בוטשאן און מען האט מקבל פנים געווען דעם צדיק מיט גרויס כבוד מלאכים, איז דארט אין שטאט געווען א גרויסער מושל א שונא ישראל וואס האט נישט געקענט דערהייבן אז מען גיבט אפ אזא גרויסע כבוד פארן רבין,

איז דער מושל ארויס מיט זיין וואגן און געוואלט גיין זעהן דעם ראבינער וואס יעדער גייט ארויס אים מקבל פנים זיין, צוקומענדיג נאנט צום וואגן פונעם רבין, האט זיך אריינגעריבן דעם מושל'ס וואגן אונעם וואגן פונעם רבין, און דער מושל האט געלאזט רופן דעם רבין צום געריכט פארן שאדן מאכן זיין וואגן,

ווען מען איז געגאנגען צום געריכט, האט דער צדיק געפרעגט וואס דא גייט פאר, האט מען דערציילט די מעשה, און געזאגט פארן רבין אז דאס קען ברענגען גרויסע צרות פארן רבין און אויך פאר אלע אידן פונעם שטאט, האט זיך דער צדיק אנגערופען בזה"ל, "אויב הייסט מען גיין גייט מען, אבער איך וועל גיין, און דער מושל וועט לויפן",

דער צדיק איז אנגעקומען אין געריכט און פאר געלייגט פארן ריכטער די גאנצע מעשה, און מסביר געווען אז דא איז סתם געווען א בלבול פונעם מושל און מען האט אים בכלל נישט געטון גארנישט, דער ריכטער האט טאקע גע'פסק'נט לטובות דעם רבין און געלאזט גיין בשלום,

לפלא אפאר טאג שפעטער, איז דער מושל געשלאגן געווארן מיטן מחלה פון שכרות, ער האט די גאנצע טאג געטרינקען און גע'שיכורט עד כדי כך אז ער האט זיין גאנצע פארמעגן פארלוירען, און ער איז געווארן דער משוגענער אין גאס, דער מושל איז ארום געלאפן אין שטאט אינגאנצן משוגע, און די קינדער האבן דעם מושל נאכגעשריגן, און פארשטייט זיך אז ער האט פארלוירען זיין גדולה און קיינער האט אים מער נישט געוואלט אנקוקען, און אפילו די גוים פונעם שטאט האבן געוויסט, אז דאס איז געקומען פונעם צדיק'ס ברכה, און פון דאן האט מען דעם צדיק גאר שטארק מכבד געווען אין דעם שטאט.

אין א שטאט אין רומינה האט אמאל פאסירט, אז א קליין מיידל האט זיך פארלוירן, די עלטערן האבן דאס קינד ארום געזיכט אינעם גאנצן שטאט, מען האט אפילו איינגעשפאנט דעם גאנצן שטאט צו העלפן די עלטערן צו אויף זיכן דעם קינד, מען איז ארום געלאפן אויף יעדע פלאץ וואס מען האט געקענט טראכטן, אבער מען האט דעם קינד נישט געטראפן,

די עלטערן זענען געווארן שטארק באזארגט, איז מען געלאפן צום פאסט אפיס ווייל נאר דארט האט זיך אין יענע צייט געפינען א טעלעפאן, און מען האט געריפן קיין שטעפינשט צום צדיק וקדוש רבי אברהם מתתיהו משטעפינשט זי"ע, און מען האט מזכיר געווען דאס קינד וואס איז פארלוירן געווארן, דער רבי האט גלייך אויפן טעלעפאן געהייסן, אז מען זאל דאס קינד גיין זיכן אינעם בעסמענט פון זייער שטוב, עס איז געווען א גרויסע וואונדער פארן טאטן, וויבאלד מען האט שוין דעם קינד אפאר מאל געזיכט דארט און נישט געטראפן,

אבער איינע פון די אידן דארט אין שטאט איז געווען א גרויסע מאמין, און אויב די רבי הייסט ווייסט ער זיכער וואס ער זאגט, איז דער איד אראפ אינעם בעסמענט, און לפלא האט ער דארט געטראפן דעם קינד וויינען, דאן האט מען געכאפט וואס דא איז פאר געקומען, אז דאס קינד איז איינגעשלאפן אינעם ווינקעל פונעם שטוב, און דערפאר האט מען דעם קינד פארפאסט ווען מען האט אים געזיכט בעפאר, אבער דער הייליגער שטעפינעשטער זי"ע האט פון זיין שטאט דאס אלעס געזען, און דערפאר האט ער געהייסן דארט זיכן,

הרה"ח ר' יצחק ע"ה א חסיד מובהק פונעם צדיק הרה"ק רבי אברהם מתתיהו משטעפינשט זי"ע האט דערציילט וואס ער האט געזען מיט זיינע אייגענע אויגן, א איד פון א שטאט נאנט צו שטעפינשט האט געהאט א קינד פון בערך 8 יאר אלט, וואס איז רח"ל קראנק געווארן מיט חולה נופל, דער קינד פלעגט כסדר צוזאמען פאלן און געווען אין א גרויסע סכנה, דער טאטע איז געלאפן צו די גרעסטע דאקטורים, אבער אלע האבן געזאגט פארן צובראכענעם טאטן, אז לײדער איז נישט דא מיט וואס זיי קענען העלפן דעם קינד,

האט א איד דארט אין שטאט געזאגט פארן טאטן, פאר אריבער צום צדיק וקדוש משטעפינשט וואס איז מפורסם אלס א גרויסע בעל מופת און א פועל ישועות, און ער וועט דיר זיכער קענען העלפן מיט דיין קינד, דער איד נישט האבענדיג קיין ברירה, איז ער אריבער קיין שטעפינשט צום צדיק וקדוש, און ווען ער איז אריין

געקומען צום רבין האט ער מיט טרערן מזכיר געווען זיין קינד וואס איז ליידער קראנק, און דערציילט אז ער איז שוין געווען ביי די גרעסטע דאקטורים, אבער קיינע פון זיי קענען אים נישט העלפן,

שטייענדיג דארט ביים רבין און שטוב, האט דער טאטע געהייסן פארן קינד אז ער זאל געבן שלום פארן רבין, אבער אזוי ווי דער קינד האט אויף געהויבן זיין קאפ צו קוקן אויפן צדיק, איז דער קינד דארט אויפן פלאץ ליידער אנידער געפאלן, דער טאטע וואס איז שוין ליידער געווען געוואוינט צו דעם, האט ער געלאזט דעם קינד ליגן אויף דער ערד, דער צדיק האט מיט זיינע הייליגע אויגן אזוי באטראכט דעם קינד, און נאך א שטיק צייט האט זיך דער קינד דערוועקט,

דאן האט דער טאטע גענומען דעם קינד, און איז צו געגאנגען צום צדיק, און דער קינד האט געגעבן דעם הענט פארן צדיק, דאן האט דער צדיק געזאגט בזה"ל, "פון היינט זאלסטו זיין געזונט, און נישט וויסן מער פון די קראנקהייט, און גיי לחיים ולשלום", דערציילט דער חסיד ר' יצחק, אז ער האט דעם קינד געקענט שוין אויף די עלטערע יארן, און זייט ער איז געווען ביים הייליגען שטעפינעשטער זי"ע, האט דאס קינד מער קיינמאל אין לעבן נישט געליטן פון דעם קרענק, אלעס מיט די ברכה פון דעם צדיק וקדוש,

הרה"ח הישיש ר' שאול כהנא ז"ל האט דערציילט, אז זיין טאטע הרה"ח רבי משה בער ז"ל פון שטאט וואסלוי איז געווען באקאנט אלס א גרויסע ת"ח און א ירא שמים און פון די גרויסע חסידים פונעם הייליגען צדיק וקדוש רבי אברהם מתתיהו משטעפינשט זי"ע, אויך איז ער געווען דער שוחט פון שטאט,

נאכדעם וואס ער האט שוין געהאט חתונה געמאכט זיינע קינדער, האט ער געוואלט ארויף גיין קיין ארץ ישראל און דארט אויס לעבן זיינע יארן, איז ער אריין צום צדיק און געפרעגט זיין חוות דעת אויב ער זאל פארן קיין ארץ ישראל, האט אים דער צדיק געזאגט "די וועסט פאהרן מיט מיר", דער איד האט נישט געוויסט וואס דאס מיינט, וויל דער צדיק האט בכלל נישט געהאט אין פלאן ארויף צו גיין קיין ארץ ישראל,

אבער דער איד ר' משה בער האט געוויסט אז די רבי טיילט אסאך מאל בגדים פאר אידן וואס מען זאל ניצן לאחר מאה ועשרים, האט ער געבעטן פונעם רבין א מלביש, וואס ער זאל אוועק לייגן פאר אים פאר זיינע אחר מאה ועשרים, האט דער צדיק געזאגט "דו האסט נאך צייט צו דעם", און אזוי איז דורך א שיינע פאר יאר,

דעם לעצטן יאר בחייו פונעם צדיק, ווען ער איז געקומען צום יארצייט פונעם טאטן אין שטאט יאס, און כדרכו איז דער איד רבי משה בער געקומען מקבל פנים זיין דעם רבין, רופט זיך דער צדיק אן צום משמש, געב איינס פון מיינע העמעדער פאר רבי משה בער, דער רבי משה בער האט גלייך פארשטאנען וואס דאס מיינט, ער איז גלייך אהיים געלאפן און זיך געזעגנט פון זיין משפחה, אבער די משפחה האט נישט געוויסט וואס דא גייט פאר,

עס איז אריבער אפאר חדשים, און דאן איז דער צדיק משטפינשט נסתלק געווארן, און נישט אסאך נאכדעם איז דער רבי משה בער אויך נפטר געווארן, דאן האט מען שוין פארשטאנען וואס די רבי האט אים געזאגט יארן פריער "די וועסט פאהרן מיט מיר".

ווי עס איז באקאנט האט דער הייליגער שטעפינשטער זי"ע כמעט נישט גערעדט, נאר איינציגע מאל וואס ער האט יא ארויס געזאגט ווערטער, די תלמידים און חסידים פונעם רבין האבן געוויסט צו דערציילן, אז עטליכע מאל האט ער געזאגט די ווערטער פאר זיינע תלמידים "רבי חיים זאנוויל איז א חידוש",

איינמאל האט מען געברויכט מסלק זיין דעם שוחט אין שטעפינעשט אינמיטן ווינטער, און דער הייליגער שטעפינעשטער האט זיך אנגערופען צום תלמיד דער הייליגער ריבניצער, "חיים זאנוויל עס איז דאך זייער קאלט און שלאכט הויז, טו אן דעם טילפ און גיי שחט", דער הייליגער ריבניצער האט געזאגט אז מיט דעם האט אים זיין רבי מסמיך געווען,

און ביים הסתלקות פונעם הייליגער שטעפינעשטער איז דארט געווען זיין תלמיד דער הייליגער ריבניצער רבי, און בעפאר יציאת נשמה איז דער רבי אריינגעפאלן אין די הענט פונעם תלמיד דער ריבניצער רבי, און די הייליגער שטעפינעשטער האט זיך אנגערופען אויפן ריבניצער רבין, "טאקע א חידוש", און מיט דעם האט זיין רבי דער היילליגער שטעפינעשטער צוריק געגעבן זיין הייליגע נשמה, ליגענדיג אין די הענט פון זיין גרויסן תלמיד רבי חיים זאנוויל מריבניץ זי"ע,

**יארצייט**
**פרייטאג כ"ב תמוז**

**הרה"ק רבי שלמה ב"ר מאיר הלוי זי"ע, הי"ד,**
**(גוטליב), בעל שמע שלמה, מקארלין,**

ער איז געבוירן אין שטאט טולטשין, בשנת תצ"ח,

צו זיין טאטע הרה"ק רבי מאיר הלוי סג"ל זי"ע,
און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת יוטא ע"ה,

ער איז געווען א איש קדוש נורא מאוד, א עילוי נפלא און א בקי וחריף עצום בתורת הנגלה והנסתר און א למדן נפלא בתורה בהתמדה רבה, ער האט זיין גאנץ לעבן געדינט דעם באשעפער מיט א אש דקדושה און א מסירת נפש ממש, והיה נהירין ליה שבילי דרקיע, טויזענטער אידן ובתוכם אסאך צדיקים בדורו האבן זיך מסתופף געווען בצלו, אלע זיינע תפילות זענען צו געגאנגען מיט קולי קולות, און יעדעס ווארט וואס איז ארויס פון זיין מויל איז געווען בקדושה ובטהרה און ער האט מיט זיין עבודת הקודש מרעיש עולמות געווען, צדיקים האבן מעיד געווען, אז ער איז געווען העכער פון השגת אנישי, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל רוח הקודש נפלא, א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות,

עס שטייט אין ספר שם הגדולים, אז צדיקי הדור האבן געזאגט אויפן רבין הרה"ק רבי שלמה מקארלין זי"ע, אז ער איז געווען נשמת משיח בן יוסף בדורו, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אז משיח בן יוסף וועט אומקומען על קדושת שמו יתברך,

שוין פון אלס קינד האט ער גע'שמ'ט מיט זיינע געוואלדיגע כשרונות, ער האט געהאט א שארפן קאפ און א שנעלע תפיסה, ער האט שוין דאן פארמאגט גאר שיינע מידות, און מיט זיין יראת שמים און זעלטענע התנהגות האט ער באצויבערט יעדן איינעם,

ער האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון א גביר אין שטאט קארלין, און ער איז דאן געזעצן אויף קעסט ביים שווער, און ער איז שוין דאן געווען באוויסט אלס א בקי נפלא בתורה און אויך מיט זיין געוואלדיגע עבודה בקדושה ובטהרה, און זייענדיג א גרויסע תלמיד חכם האט מען אים מכבד געווען צו זאגן א דרשה אין שול, גאונים זענען ארויס פון התפעלות פון זיין גרויס חריפות, און מען האט אים גערופען "ר' שלמה חריף",

ער איז געווען א תלמיד מובהק פון הרה"ק רבי אהרן הגדול מקארלין זי"ע, מגדולי תלמידי המגיד ממזריטש זי"ע, און ער האט אסאך תורה ועבודת השם און קדושה מקבל געווען פון זיין הייליגען רבין, אויך האט ער גענומען זיין געוואלדיגע עבודת התפילה פון זיין גרויסן רבין, אויך האט זיך דער צדיק מסתופף געווען בצלו פון אנדערע צדיקי הדור, וואס אלע האבן מעיד געווען אויף די געוואלדיגע קדושה וואס דער צדיק האט פארמאגט,

גאנץ אנפאנג איז ער געווען א תלמיד פון הרה"ק המגיד ממזריטש זי"ע, וואס זיין רבי דער הייליגער רבי אהרן הגדול מקארלין האט אים מקרב געווען צום מגיד ממעזריטש,

זיין רבי ר' אהרן הגדול מקארלין זי"ע האט אמאל געזאגט פאר זיין רבין דער הייליגער מגיד ממזריטש זי"ע, איך האב א יונגערמאן ביי מיר אין ביהמ"ד מיטן נאמען שלמה, און בשעת ער זאגט יום הקדוש ביינאכט דעם פסוק ד' אֲדֹנֵינוּ מָה אַדִּיר שִׁמְךָ בְּכָל הָאָרֶץ, איז ער מעלה אלע ניצוצות פון פולין, ליטא, און רייסין, און אויך האט דער מגיד געזאגט, אז די נשמה פון רבי שלמה איז אזוי ווי א מאגנעט, עס ציט בלויז צו דאס פינטעלע אמת, און זי וויל נאר צו קומען און דערגרייכן צו אמת'ע יראת שמים,

דארט ביים מגיד האט דער צדיק וקדוש רבי שלמה עוסק געווען בעבודת ד' מיט א מסירת נפש ממש, ער האט זיך באגנוגט מיט אביסל ברויט אין וואסער, און אסאך טעג איז ער געווען שרוי בתענית, אבער מיט דעם אלעם האט ער עוסק געווען בתורה ועבודה יומם ולילה, און געדינט דעם באשעפער מיט א געוואלדיגע התלהבות און דביקות דקדושה,

הרה"ק רבי מנלי מקארלין זי"ע, דער פעטער פון רבי אהרן הגדול מקארלין זי"ע האט אמאל געברענגט רבי שלמה מקארלין צום מעזריטשער מגיד, איז דער הייליגער מגיד ארויס זיי מקבל פנים זיין, און געזאגט פאר זיינע תלמידים, לאמיר ארויס גיין מקבל פנים זיין משיח בן יוסף, און פארן צדיק רבי שלמה האט דער מגיד געזאגט, די זאלסט פירן דאס רבנות מיט א שטארקייט,

דער הייליגער בעל התניא זי"ע האט זיך אמאל אויס געדריקט אויפן רבין בזה"ל, "עהר איז א טפח העכער פון די וועלט",

אויך האט זיך דער צדיק רבי שלמה אסאך מסתופף געווען בצלו פון הרה״ק רבי ברוך ממעזיבוז זי״ע, וואס דרך אגב איז דער צדיק רבי ברוך׳ל געווען א מחותן מיטן צדיק וקדוש רבי שלמה מקארלין זי״ע, ווען דער זון הרה״ק רבי דוב בער מטולצין זי״ע איז געווארן א איידעם ביי רבי ברוך ממעזיבוז זי״ע, און נאכן פטירה האט דער מחותן רבי ברוך׳ל זיך אויסגעדריקט בזה״ל, ״מיר האבן נישט געוויסט זיין גרויסקייט, ווייל ווען מיר וואלטן געוויסט זיין גרויסקייט בחייו, וואלטן מיר מורא געהאט זיך משדך זיין מיט אים״.

איינמאל ווען רבי שלמה איז געקומען צום צדיק רבי ברוכ׳ל צוזאמען מיט הרה״ק רבי משה מסאווראן זי״ע און נאך צדיקים, האט ער אויך געמאכט דעם טיר פונעם רבין ר׳ ברוכ׳ל און דאס גלייך פארמאכט און אזוי האט ער געטון אפאר מאל, ווען רבי משה מסאווראן האט אים געפרעגט פארוואס ער טוט דאס, האט ער געזאגט, אז דער בעש״ט הקדוש זי״ע איז יעצט דא מעולם העליון באזיכען זיין אייניקל רבי ברוכ׳ל ממעזיבוז, און זיי פארברענגען צוזאמען, און דערפארווארט ער אז דער בעש״ט הקדוש זאל ענדיגן דעם ביקור ביים אייניקל כדי זיי זאלן קענען אריינגיין.

בשנת תקל״ב נאכן פריצייטיגע פטירה פון זיין רבין דער צדיק וקדוש רבי אהרן הגדול מקארלין זי״ע, וואס ווי באקאנט האט זיין תלמיד רבי שלמה זי״ע געזאגט, אז זיין רבי איז נסתלק געווארן ביי 36 יאר אלט, ווייל ער האט אזוי פיל אויפגעטון צו מחזיר בתשובה זיין טויזנטער אידן, און אויב וואלט ער געלעבט לענגער וואלט ער אוועק גענומען די בחירה פון א מענטש אויף דער וועלט, אויך האט דער תלמיד מעיד געווען, אז זיין רבי ר׳ אהרן הגדול מקארלין זי״ע האט געהאט אזא גרויסע קדושה, אז זיין גוף קדוש איז ממש פארברענט געווארן פון זיין קדושה און נישט געקענט בלייבן אויף די וועלט.

נאכן הסתלקות פון זיין רבין, האט מען געמיטשעט דעם תלמיד רבי שלמה צו איבער נעמען דאס רבנות, אבער מיט זיין גרוים עניוות האט ער נישט געהאלטן אז ער איז ראוי צו זיין רבי, און א יאר שפעטער בשנת תקל״ג, ווען דער הייליגער מגיד ממזריטש זי״ע איז נסתלק געווארן, האט ער נאכאלטס נישט געוואלט ווערן רבי.

אבער נאכדעם וואס דער הייליגער מגיד מזלוטשוב זי״ע האט אים געהייסן איבער נעמען דאס רבנות אין קארלין, האט ער בלית ברירה מסכים געווען, און דאן האט מען דעם צדיק וקדוש אויף גענומען אלס ממלא מקום פון זיין גרויסן רבין ר׳ אהרן הגדול מקארלין זי״ע, און דער צדיק רבי שלמה האט משמש געווען אויף דעם שטעלע פאר 20 יאר ביז צו זיין הסתלקות.

אויך האט ער מגדל געווען דעם זוהן פון זיין רבין הרה״ק רבי אשר מסטאלין זי״ע און אים מדריך געווען בתורה ועבודה, און טאקע שפעטער ווען דער הייליגער צדיק רבי שלמה זי״ע, הי״ד, איז ליידער אומגעקומען על קידוש השם, האט דער זוהן פין זיין גרויסן רבין, הרה״ק רבי אשר זי״ע ממלא מקום געווען אויפן פלאץ פונעם טאטן הרה״ק רבי אהרן הגדול מקארלין זי״ע.

ער האט געהאט תלמידים צדיקים וקדושים ובתוכם,

הרה״ק רבי מרדכי מלעכאוויטש זי״ע,
הרה״ק רבי אשר מסטאלין זי״ע,
הרה״ק רבי משה מקאברין זי״ע,
הרה״ק רבי משה מבראד זי״ע,
הרה״ק רבי יואל מטשפלא זי״ע,
הרה״ק רבי אורי השרף מסטרעליסק זי״ע,

אויך איז געווען מפורסם בימיו פון דעם הייליגען צדיק וקדוש רבי שלמה מקארלין זי״ע, אז ווער עס האט געהאט די זכי׳ נאר אפילו אנצורירען בידיו הקדושת פון דעם צדיק, איז נישט געשטארבן אן קיין תשובה,

עס ווערט געברענגט אונעם ספר ספרן של צדיקים, אז דער צדיק מיט זיין רוח קדשו האט געזען מסוף העולם עד סופו, און געוווסט אויף יעדן מענטש פון וועלכע גלגול ער איז, און די חיצונים האבן מורא געהאט פון דעם צדיק, און ביי יציאת נשמתו הטהורה איז ער נסתלק געווארן מיט די ווערטער, ״וַיִּנָּטְלֵם וַיְנַשְּׂאֵם כָּל יְמֵי עוֹלָם״.

בעפאר זיין פטירה האט ער געהייסן זיינע תלמידים אז זיי זאלן מקבל מרות זיין אלס זייער רבי הרה״ק רבי מרדכי מנעשכיז זי״ע, איז דער גרויסער תלמיד הרה״ק השרף מסטרעליסק זי״ע גלייך אריבער געפארן צום הייליגען נעשכיזער זי״ע צו מקבל מרות זיין, און ווארטענדיג אינדרויסן האט ער געזען א איד א בעל עבירה איז אינעווייניג ביים הייליגען נעשכיזער, און דער רבי איז אים מוראדיג מקרב, דער שרף האט זיך זייער געוואונדערט אויף דעם און געטראכט, ווי אזוי קען די רבי מקרב זיין אזא בעל עבירה, און ער האט זיך צושריגן אויף יענעם איד, גיי ארויס פון דא די בעל עבירה,

האט דער צדיק רבי מרדכי מנעשכיז זי״ע געזאגט פארן שרף, איך בעט דיך מיש זיך נישט אריין און זאכן וואס באלאנגען נישט צו דיר, און צו געלייגט, זאלסט וויסן די סיבה פארוואס דיין רבי האט דיך געשיקט צו מיר איז, ווייל א מענטש ברויך וויסן אז אויב האט מען זיך נאכנישט אויס געלערנט צו האבן אהבה פאר יעדן איד, נישט קיין חילוק ווי שוואך דער איד איז, און אפילו פאר א בעל עבירה, האט מען נאכנישט דערגראכט אפילו צו האלב פונעם דרך אין עבודת השם, ווייל אויב איז מען מקרב אזא איד וואס איז ליידער א בעל עבירה, איז נישט קיין ספק אז ער וועט אי״ה מחזיר בתשובה זיין און צוריק קומען צום גרויסען באשעפער, און כך הוה דער איד האט טאקע תשובה געטון און געווארן א ערליכער איד,

צדיקים האבן געזאגט, אז יענע צייט בעפאר דער צדיק רבי שלמה מקארלין זי״ע איז ליידער אומגעקומען על קידוש השם, איז ליידער פארגעקומען פאגראמען אויף צענדליגע שטעט, און ליידער האבן די קאזאקן אומגעברענגט טויזענטער אידישע קינדער, האט דאן דער צדיק וקדוש גענומען אויף זיך צו זיין דער קרבן ציבור, און דער צדיק האט אויף זיך גענומען צו אומקומען על קידוש השם, און טאקע גלייך נאכן הסתלקות, האבן די רשעים די קאזאקן אפ געריפן דעם פאגראם, און מער זענען קיין אידן נישט גע׳הרג׳עט געווארן,

דער תלמיד הרה״ק רבי אשר מסטאלין זי״ע האט דערציילט נאכן הסתלקות פון זיין רבין, אז בשעת דעם הסתלקות האט דער רבי געהאלטן, אז צוליב זיינע גרויסע עוונות פירט מען אים אין גיהנום, און ווען ער האט געהערט אויסרופען אין הימל ״פנו מקום לרבי שלמה״, האט ער באמת נישט געהאלטן אז אים מיינט מען,

אבער פלוצלונג האט ער געזען ווי צדיקים מדורות ראשונים און מלאכים, קומען אים אקעגן, און זאגן אים מיט א שמחה, אז מען טראגט אים אין גן עדן, האט דער צדיק געפרעגט מיט וואונדער, דאס איז א עולם האמת, אז מען גיבט גן עדן פאר איינעם וואס איז ראוי צו גיין אין גיהנום, און דער צדיק האט נישט מסכים געווען צו גיין מיט די צדיקים אין גן עדן, ביז כביכול הקב״ה בכבודו ובעצמו איז געקומען און געזאגט פארן צדיק, ״שלמה בן יוטא בני בוא לגן עדן, והנני נותן לך מאוצר מתנת חנם״ דאן האט דער צדיק מסכים געווען אריין צו גיין אין גן עדן,

נאך האט דער צדיק רבי אשר מסטאלין געזאגט, אז דער טאג כ״ב תמוז די יארצייט פונעם צדיק רבי שלמה מקארלין זי״ע ווערט נישט גערעכנט אלס איינע פון די ימי בין המצרים, אזוי ווי ל״ג בעומר די יומא דהילולא פון רשב״י איז נישט גערעכנט פון איינע פון די טעג פון אבילות בימי הספירה, ווייל באמת איז דא 22 טאג פון י״ז תמוז ביז ט׳ באב, וואס דאס איז איין טאג מער ווי דריי וואכן,

און ער האט מוסיף געווען, אז אויב וואלט מען אים אויס געהערט, וואלט ער מתיר געווען צו חתונה מאכן דעם טאג אזוי ווי עס איז מותר חתונה צו מאכן ל״ג בעומר, אבער אזוי ווי ער ווייסט אז מען וועט אים נישט פאלגן, וועט ער גארנישט זאגן, אבער ביי אים אין הארץ ווייסט ער בברור אז עס איז מותר,

ער האט איבער געלאזט זיין הייליגע קינדער,

הרה״ק רבי משה מלודמיר זי״ע, בזיווג ראשון חתן הגה״ק רבי יהודה לייב הכהן בעל אור הגנוז מאניפולי זי״ע, ובזיווג שני חתן הגה״ק רבי דוד הלוי המגיד מסטעפין זי״ע,
הרה״ק רבי דוב בער מטולצין זי״ע, חתן הרה״ק רבי ברוך ממעזיבוז זי״ע,
חתנו הרה״ק רבי ישראל חיים מלודמיר זי״ע, בן הרה״ק רבי אברהם המלאך זי״ע,
חתנו הרה״ק רבי משה בער זי״ע, בן הרה״ק רבי אהרן מזעליחוב זי״ע,
חתנו הגה״ק רבי דב משה זי״ע, נכד הגה״ק בעל החכם צבי זי״ע,

אויך האט ער אויף געצויגען דער זוהן פון זיין רבין, הרה״ק רבי אשר מסטאלין זי״ע,
אויך די צוויי הייליגע קינדער פונעם צדיק רבי אברהם המלאך זי״ע וואס איז נסתלק געווארן ביי 37 יאר אלט, האט דער צדיק אויף געצויגען ביי זיך אין שטוב, הרה״ק רבי ישראל חיים מלודמיר זי״ע, און הרה״ק רבי שלום שכנא מפרוהוביטש זי״ע,

בעוה״ר שבת קודש פרשת בלק י״ז תמוז בשנת תקנ״ב אינמיטן זאגן כתר ביים מוסף, זענען אריין געקומען א באנדע קאזאקן אין ביהמ״ד פון דעם צדיק וקדוש, און זיי האבן ליידער דערשאסן 13 קדושים וטהורים תלמידים פונעם צדיק, ובתוכם איז אויך געווען דער צדיק וקדוש רבי שלמה זי״ע, הי״ד, און דער צדיק וקדוש איז געשאסן געווארן דורך א קאזאק בשעת׳ן זאגן כתר ביי תפילת מוסף,

די תלמידים און חסידים פונעם גרויסן צדיק האבן געוואלט גיין ריפן א דאקטאר צו העלפן זייער רבין, אבער דער צדיק וקדוש האט בשום אופן נישט געלאזט מחלל שבת זיין פאר אים, אויך האט דער צדיק וקדוש נישט געוואלט אז איינער זאל חלילה צו רירן צו זיין גוף קדוש, און ליידער איז דער צדיק פארגיפטעט געווארן פונעם קויל, און ליידער איז דער צדיק וקדוש נסתלק געווארן אפאר טאג שפעטער כ״ב תמוז בשנת תקנ״ב, ומנוחתו כבוד איז אין שטאט לודמיר,

זכותו הגדול יגל עלינו
ועל כל ישראל אמן.

### מעשיות

ווען דער צדיק הרה״ק רבי שלמה מקארלין זי״ע איז אמאל געקומען באזוכען דעם הייליגען בעל התניא זי״ע אין שטאט ליאזנע, האט מען צו געגרייט א סעודה לכבוד דעם גאסט, און עס איז געווארן א ויכוח צווישן די רעבעצין און די משרת ווער עס זאל צו גרייטען די עסן, די משרת האט געזאגט, אז וויבאלד זי מאכט די עסן א גאנץ יאר, דארף זי האבן די זכי׳ אויך צו מאכן די עסן ווען די גרויסע גאסט קומט, אבער די רעבעצין האט געזאגט, אז וויבאלד זי איז דאך בעל הבית דא אין שטוב, דארף זי מאכן דאס עסן,

האט די בעל התניא געהייסן, אז זיי זאלן זיך אפגעבען צוזאמען צו מאכן די עסן, און וויבאלד צוויי האבן געארבעט אויף די עסן, האט איינער אריין געלייגט זאלץ און דעם עסן, און וויבאלד דער אנדערער האט נישט געוויסט, האט זי אויך געלייגט זאלץ,

ווען מען האט אריין געברענגט דאס עסן, און מען האט מכבד געווען ביידע מיטן עסן, האט דער הייליגער ר׳ שלמה קארלינער זי״ע נאר געגעסן אביסל און זיך אפ געשטעלט, ווייל ער איז דאך געווען א חלש, האט דער בעל התניא געמיינט אז אפשר איז נישט דא קיין זאלץ אין די עסן, און וועגן דעם וויל ר׳ שלמה קארלינער זי״ע נישט עסן, האט דער בעל התניא אויך צוגעלייט זאלץ,

אבער ווען מען האט געזאגט פארן בעל התניא, אז דאס עסן האט דאך שוין אזויפיל זאלץ, האט דער הייליגער בעל התניא געפרעגט פון רבי שלמה מקארלין, ווי אזוי האט איר געקענט דאס עסן און נישט געשפירט אז דאס עסן איז דאך אזוי געזאלצן,

האט דער צדיק רבי שלמה מקארלין זי״ע געזאגט, אז די ערשטע וואך ווען ער איז אנגעקומען צום מגיד ממזריטש זי״ע אויף שבת, האט אים די מגיד געגעבן א שטיקל קוגל, און דער מגיד האט פון אים אוועק גענומען די הרגש פון שפירן א טעם אין עסן, און וועגן דעם האט ער בכלל נישט געשפירט אז עס איז דא צופיל זאלץ.

עס ווערט דערציילט אז איידער דער צדיק וקדוש רבי שלמה מקארלין זי״ע איז נתגלה געווארן, נאך זייענדיג א גרויסער ארימאן, האט אמאל איינער פון די לומדים אין ביהמ״ד געפרעגט פונעם רבין, פון וואנעט האט איר צו שפייזן די בני בית, האט דער צדיק געזאגט בזה״ל, ״איך האב צוויי קיען פון וואנעט איך צי מיין פרנסה״,

יענער איד האט געמיינט אז רבי שלמה פארמאגט צוויי קיען וועלכע געבן מילך, און פון זיי שפייזט ער זיין בני בית, און וועלענדיג שטיצן דעם צדיק רבי שלמה, האט דער חסיד געבעטן זיין פרוי, אז פון היינט אן זאל מען קויפן מילך פון רבי שלמה, און אזוי וועט מען מיט דעם שטיצן א תלמיד חכם,

אבער ווען די פרוי פון דעם איד איז אריבער צום שטוב פון רבי שלמה, און געבעטן פון די רעבעצין אז זי וויל קויפן מילך פון איר, האט די רעבעצין געזאגט, איך האב דען קיען וואס געבן מילך, איז דער איד אריבער צו רבי שלמה מיט א טענה, פארוואס האט איר מיר אויסגעפאפט אז איר האט צוויי קיען וואס געבן מילך,

האט זיך רבי שלמה אנגערופן, חס ושלום, איך האב נישט געזאגט קיין ליגענט, איך האב געזאגט אז איך טו מיך ערנערן פון צוויי כי״ען, איינס איז כִּי בוֹ יִשְׂמַח לִבֵּנוּ און דאס אנדערע איז כִּי בְשֵׁם קָדְשׁוֹ בָטָחְנוּ, מיינענדיג צו זאגן אז ער האט בטחון אין באשעפער דער זן ומפרנס לכל, אז ער וועט אים נישט פארלאזן און ער וועט אים אלעמאל שפייזן.

הרה״ק רבי אורי השרף מסטרעליסק זי״ע האט געזאגט, יעדער רבי איז א שורש נשמה פון כלל ישראל, אבער מיין רבי ר׳ שלמה מקארלין זי״ע איז געווען שורש כל השרשים, און וועגן דעם האט ער געהאט א כח ארויף צו ברענגען יעדן איד, אפילו די פחות שבפחותים, מבירא עמיקתא לאיגרא רמא,

נאכן פטירה פונעם הייליגען מגיד ממזריטש זי״ע, האבן א גרויסע טייל פון די חסידים אנגעהויבן פארן צום רבין רבי שלמה מקארלין זי״ע, אבער דער צדיק מיט זיין גרויס ענווה האט נישט געוואלט אננעמען די הנהגה, די חסידים האבן מוראדיג מפציר געווען אז ער זאל מסכים

זיין צו ווערן רבי, אבער דער צדיק האט געזאגט אז ער איז נישט ראוי דערצו, און ער וויל נאך אויך אליין פארן צו צדיקי אמת וואס האבן רוח הקודש.

איז רבי שלמה געפארן צום מגיד מזלאטשוב זי"ע ווייל ער האט געהערט אז ביים הייליגער מגיד וואלגערט זיך רוח הקודש אפענערהייט, און מרוב ענותנותו האט רבי שלמה געהאלטן אז דער מגיד מיט זיין רוח הקודש וועט זיכער זען ווער ער איז, און וועט יעדן קלאר זאגן אז ער איז נישט ראוי צו זיין א רבי.

האט רבי שלמה מיט גענומען רבי מאנעלע מקארלין זי"ע וואס איז שפעטער געווען פון זיינע חסידים, און די סיבה פארוואס ער האט אים מיט גענומען איז פאר צוויי סיבות, קודם האט ער געוואלט האבן עדות, אז ווען דער מגיד וועט אים זאגן, אז ער איז נישט ראוי צו זיין רבי, ווייל ער האט געוויסט אז דער עולם וועט אים נישט גלייבן, צווייטענס, ווייל ער האט געוויסט אז דער הייליגער מגיד זאגט דאך נאר דעם אמת, און ווען ער וועט אים מבזה זיין צוליב זיינע אלע עבירות, זאל ער האבן איינער וואס זאל אים קענען מחזק זיין.

ווען די צוויי זענען אנגעקומען צום מגיד מזלוטשוב זי"ע, האט זיי דער מגיד גאר שטארק מקרב געווען און זיי זענען דארט געבליבן אויף שבת קודש, נאך שבת זענען די פינעף קינדער פונעם מגיד די חמשה חומשי תורה, געקומען צו רבי שלמה און געבעטן אז ער זאל בלייבן דא אויף נאך א שבת ביים טאטן דער הייליגער מגיד, האט רבי שלמה געזאגט, אז זיי זאלן גיין פרעגן רשות פונעם טאטן אויב ער מעג בלייבן אויף נאך א שבת, און זיי זאלן אים קומען זאגן פונקטליך וואס דער טאטע האט געזאגט.

זענען די הייליגע קינדער געגאנגען פרעגן פונעם טאטן אויב רבי שלמה קען בלייבן אויף נאך א שבת, האט דער הייליגער מגיד געזאגט, "א מענטש וואס אלע וועלטן, די אונטערשטע און די אויבערשטע, זענען אנגעהאנגען אין זיינע מעשים און הייליגע מחשבות, זאל איך זאגן ער זאל בלייבן דא אויף נאך א שבת", אפשר וועט אים עפעס רודערן, עפעס וואס וועט אים מבלבל זיין, זייענדיג אין די פרעמד אין נישט אויף זיין ארט, וועט זיך דאך רידערן אין אלע עולמות, ווי קען איך מיך וואגן אים צו בעטן ער זאל דא בלייבן אויף נאך א שבת.

ווען די קינדער האבן איבער געזאגט פאר רבי שלמה די ווערטער פונעם טאטן מיט די אלע שבחים וואס דער מגיד האט געזאגט אויף אים, איז ער אריבער געלאפן צום מגיד מיט גרויס ביטערניש און זיך באקלאגט פאר אים, זאגענדיג מיט זיין גרויס ענויות, "וואס ווילט איר פון מיר האבן, איר זאלט קענען זאגן אזעלכע דיבורים, דא איז שוין אויך נישטא קיין מקום האמת".

האט דער הייליגער מגיד געענטפערט, "מיין ליבער רבי שלמה, איר ווילט זיצן אין א קליין שטיבעלע און דינען השי"ת אליין, עס איז אלעס כדאי, אפילו צו זיצן אין בלאטע ביזן האלז און אפילו נאך ווייטער, אבי ארויס צו נעמען אידישע נשמות פון בלאטע, פארט אהיים און נעמט ארויס אידישע נשמות פון בלאטע", נאך די ווערטער האט דער צדיק בלית ברירה גענומען דאס רבנות, און דער צדיק וקדוש האט מיט זיין גרויס קדושה וטהרה, טאקע מקרב געווען טויזענטער אידן צום גרויסן באשעפער.

איינמאל איז א תלמיד פון הרה"ק רבי מנחם נחום בעל מאור עינים מטשערנאביל זי"ע געווען ביים דאווענען פון רבי שלמה מקארלין זי"ע, און ער איז אזוי נתעורר געווארן, אז ער האט זיך געוואלט מדבק זיין אינעם רבין און בלייבן ביי אים, האט דער הייליגער רבי שלמה געהייסן פארן תלמיד, אז ער זאל צוריק גיין צו זיין רבין מטשערנאביל דער הייליגער מאור עינים זי"ע.

און דער צדיק רבי שלמה מקארלין זי"ע האט מסביר געווען פארן טשערנאבלער חסיד דאס התעוררות וואס ער האט דא געהאט, און דערציילט, אז איינמאל איז געווען א גרויסע קטרוג אויף כלל ישראל, אז אידן זענען ליידער מזלזל אין דאווענען, און דערפאר איז ארויס א גזירה פון הימל, צו מבטל זיין פון כלל ישראל דעם כח התפילה ח"ו.

און דאן האט די מלכות הרשעה טאקע גוזר געווען, אז אידן זאלן נישט מעגן דאווענען רח"ל, דאן האט דער הייליגער רבי שלמה מקארלין זי"ע געזאגט, "הריני מקבל עלי להתפלל במקום כל בני ישראל", און מיט דעם האט דער צדיק מבטל געווען דעם גזירה, און מציל געווען דעם כח התפלה פון אידישע קינדער, אז עס זאל ח"ו נישט בטל ווערן, און דאס איז די גרויסע התעוררות וואס ער האט געשפירט בשעתן דאווענען.

איינמאל איז דער צדיק וקדוש רבי שלמה מקארלין זי"ע געקומען צום שטאט לעפלע, און דארט איז דער פרנס געווען א גרויסע מתנגד, און ווען ער האט געהערט אז רבי שלמה קומט, האט ער צוזאמען גענומען 20 מענטשן צו אפווארטן דעם רבי שלמה אויסער די שטאט, אז בשעת ווען ער קומט אן וועט מען אים שלאגן.

פונקט דאן איז רבי מאנעלע מקארלין זי"ע געווען אונעם שטאט, און ווען ער האט זיך דערוויסט פון דעם פלאן פון די מתנגדים, איז ער קעגן געגאנגען רבי שלמה, און אים דערציילט פון דעם פלאן פון דעם פרנס, האט רבי שלמה געזאגט פאר רבי מאנעלע עס איז גארנישט, נאר בעפאר מען קומט אן צום שטאט, זאל ער אים ווייזן ווער דער פרנס איז,

ווען מען איז אנגעקומען נאנט צום שטאט, האט רבי מאנעלע געוויזן פאר רבי שלמה ווער דער פרנס איז, און רבי שלמה האט ארויס געבויגען זיין קאפ פונעם וואגן און געקוקט אויפן פרנס, גלייך האט באפאלען דעם פרנס א שרעקליכע פחד, און ער איז גלייך געפאלן צו די פיס און געבעטן מחילה, אז ער זאל אים מוחל זיין אויף וואס ער האט געוואלט טון.

מען דערציילט אז אינעם שטאט ווי דער צדיק רבי שלמה מקארלין זי"ע איז געווען רב, איז איינמאל ארויס געקומען א לייב פון וואלד, און עס האט געווארפן א שרעקליכע פחד אויף די איינוואוינערס פון דעם שטאט, איז מען געקומען צו רבי שלמה בעטן א עצה וואס מען זאל טון וועגן דעם לייב, האט רבי שלמה געבעטן, אז מען זאל אים ווייזן די ארט פון ווי דער לייב קומט ארויס פון וואלד, און רבי שלמה איז געקומען צו דעם ארט און זיך אוועק געשטעלט דארט,

עס האט נישט לאנג געדויערט און דער לייב איז ארויס געקומען, רבי שלמה האט זיך אוועק געשטעלט קעגן איבער דעם לייב און געזאגט צום לייב, קוק מיך גוט אן און זאג מיר צי מיינע אויגן האבן שוין אמאל געקוקט וואס מען טאר נישט, קוק אויף מיין מויל צי איך האב שוין אמאל גערעדט וואס מען טאר נישט, קוק אויף מיין מוח צי איך האב שוין אמאל געטראכט וואס מען טאר נישט, און אזוי האט רבי שלמה אויס גערעכנט אלע איברים, און דער לייב איז געבליבן שטיל,

האט רבי שלמה ווייטער גערעדט צום לייב און געזאגט, אויב מיינע איברים זענען אזוי פארהייליגט פאר השי"ת, איז מיט וואס פאר א רעכט האסטו צו קומען אין די געגנט וואו איך בין רב, און ער האט ווייטער געזאגט צום לייב, לאז דיך שיסן, כך הוה דער לייב האט זיך געלאזט שיסן, און דאן האט די שטאט געהאט מנוחה, ווי חז"ל זאגן "וְרָאוּ כָּל עַמֵּי הָאָרֶץ כִּי שֵׁם ד' נִקְרָא עָלֶיךָ וְיָרְאוּ מִמֶּךָּ".

הרה"ק רבי שלמה מקארלין זי"ע האט אמאל געזאגט, אז אויב מען קומט צום ציון פון די עלטערן אדער א ציון קדשו פון א צדיק, זאל מען זיך שטעלן ביים טויער פונעם ביה"ח און זאגן, אויב דער נשמה פונעם נפטר צו וועם מען איז געקומען, איז יעצט נישט דא ביים קבר, צינד איך אן א ליכט פארן נשמה וואס וועט גיין מודיע זיין פאר די נשמה, אז מען איז געקומען צו זיין ציון, און דאן וועלן אלע נשמות לויפן מודיע זיין פאר די נשמה, ווייל אלע נשמות ווילן האבן דעם זכות פונעם ליכט,

זיין תלמיד הרה"ק רבי מרדכי מלעכאוויטש זי"ע האט מעיד געווען אויף זיין רבין רבי שלמה זי"ע, אז ער האט געקענט די שיחות עופות און שיחת דקלים און די שיחות מלאכי השרת, די זעלבע וואס די גמרא האט געזאגט אויף רבי יוחנן בן זכאי, און עס איז גארנישט געווען באהאלטן פון דעם צדיק,

דער תלמיד הרה"ק רבי אשר מסטאלין זי"ע, האט געזאגט אויפן זיין רבין רבי שלמה מקארלין זי"ע, אז ער איז געווען א בקי בחכמת התכונה און הילוך המזלות, און דאס אלעס האט ער געלערנט אויף די פלעצער וואס איז געווען אסור להרהר בדברי תורה, נאר קוקענדיג אויפן הימל, דער צדיק רבי שלמה זי"ע האט געזאגט, אז מען קען מחדש זיין די לבנה מיטן שם המלכות ביז י"ז לחודש, און אזוי האבן זיך טאקע געפירט אלע רבנים לבית קארלין,

איין טאג האט א איד געבעטן פונעם צדיק רבי שלמה אז ער זאל אים מבטיח זיין, אז ער וועט מארגען קומען צו אים אין שטוב, האט זיך דער צדיק אנגערופען צו דעם איד, "שוטה" איך ברויך נאך היינט דאווענען מעריב, און לייענען קריאת שמע מיט א מסירת נפש, און מארגען דארף איך נאך דאווענען שחרית און לייענען קריאת שמע של שחרית, און אויך נפילת אפים וואס דאס אלעס גייט מיט מסירת נפש, און איך טראכט ביי מיר אז אפשר וועט מיר דער אייבערשטער ממלא זיין מיין רצון, אז איך זאל אוועק גיין פון די וועלט מיט די מסירת נפש, און די ווילסט איך זאל דיר מבטיח זיין אז איך וועל קומען צו דיר מארגען,

ווערט דערציילט, אז דער צדיק וקדוש רבי אהרן הגדול מקארלין זי"ע איז אסאך ארום געפארן פארשפרייטן דעם דרך החסידות בעצת פון זיין גרויסן רבין דער מגיד ממזריטש זי"ע, און איינמאל ווען רבי אהרן הגדול מקארלין זי"ע איז אנגעקומען אין שטאט קארלין, האט הרה"ק רבי שלמה מקארלין זי"ע וואס איז נאך דאן געווען פון די מתנגדים פונעם דרך החסידות געהאט א גרויסע ישיבה,

האט רבי שלמה אן געזאגט פאר די תלמידים, אז זיי זאלן נישט גיין צו רבי אהרן הגדול, ווייל ער האט א געוואלדיגע כח המושך, און איינמאל מען איז ביי אים, בלייבט מען שוין דארט, און דאן האט נאך רבי שלמה מקארלין געהאט א גרויסע התנגדות קעגן רבי אהרן הגדול, און רבי שלמה איז נאך דאן נישט געווען א תלמיד פונעם מגיד ממעזריטש זי"ע.

אבער שבת נאכמיטאג זענען די תלמידים יא אריבער צום דרשה פון רבי אהרן הגדול, און ווען זיי זענען צוריק געקומען, האט רבי שלמה געפרעגט ווי זענט עטץ געווען היינט נאכמיטאג, האבן זיי מודה געווען אז זיי זענען געגאנגען צו רבי אהרן הגדול, און געזאגט אז עס לוינט זיך די רבי זאל אריבער גיין און הערן א דרשה פון דעם צדיק,

איז רבי שלמה אריבער צו רבי אהרן הגדול, און ער איז זייער איבער גענומען געווארן, און רבי שלמה האט דאן געהאט א שווערע שטיקעל מהרש"א אין מסכת סוכה, וואס ער האט זיך נישט געקענט א עצה געבן, און רבי אהרן הגדול האט אים דאס מסביר געווען בטוב טעם ודעת,

האט רבי שלמה געפרעגט פון רבי אהרן פון ווי נעמט מען אזא תורה, האט רבי אהרן געזאגט אז אין מעזריטש ביים הייליגען מגיד לערנט מען תורה לשמה, ווען רבי שלמה קארלינער זי"ע איז אנגעקומען קיין מעזריטש האט דער הייליגער מגיד געזאגט לאמיר קעגן גיין נשמת משיח בן יוסף.

הרה"ק רבי משה מקאברין זי"ע האט דערציילט, אז זיין רבי הרה"ק רבי שלמה מקארלין זי"ע הי"ד, האט געהאט א מנהג, אז ווען ער האט געטרינקען א קאווע אדער א טיי, האט ער גענומען א שטיקל צוקער אין די האנט און אזוי האט ער געטרינקען די קאווע אדער טיי,

איינמאל האט דער זון הרה"ק רבי משה מלודמיר זי"ע וואס איז נאך דאן געווען א קליין קינד, געפרעגט די טאטע, ממה נפשך, אויב ברויכסטו די צוקער, דאן פארוואס נעמסטו דאס נישט אריין אין מויל, אויב אבער ברויכסטו נישט די צוקער, פארוואס נעמסטו דאס אין די האנט, ווען דער צדיק רבי שלמה מקארלין זי"ע האט געענדיגט טרינקען זיין טיי, האט ער די צוקער געגעבן פאר זיין זון רבי משה זי"ע אז ער זאל טועם זיין דערפון, לפלא האט דער צוקער מער נישט געהאט קיין שום טעם פון זיסקייט,

איינמאל איז דער הייליגער צדיק רבי שלמה מקארלין זי"ע און זיין גרויסע תלמיד רבי מרדכי מלעכאוויטש זי"ע געשטאנען און געווארט אויף א לבנה דעם לעצטן טאג וואס מען האט געקענט מאכן קידוש לבנה, איז דארט אויך געווען דער בעל עגלה, וואס איז געווען א פשוטער איד, פלוצלונג איז ארויס געקומען א שיינע לבנה, דער רבי מיטן תלמיד האבן זיך זייער געפרייט צום לבנה, די צוויי צדיקים האבן אנגעהויבן מיט זייער גרויסע הכנות פאר קידוש לבנה, וואס ווי באקאנט איז קידוש לבנה ממש א יו"ט אין קארלין, מען טוט זיך אן בגדי שבת און מען איז די מצווה מקיים מיט אלע הידורים,

אבער דער פשוטער בעל עגלה ווען ער האט דערזען דעם לבנה, האט ער געגעבן א רייב אפ די הענט אינעם רעדל פונעם וואגן, און גלייך אנגעהויבן זאגן קידוש לבנה אן קיין ספעציעלע הכנה, ווען דער הייליגער לעכאוויטשער צדיק האט דאס געזען, האט דאס ארויף געברענגט א שמייכל אויפן פנים ווי מען זאגט, וואס איז שוין די פשוטע קידוש לבנה ווערט, אבער זיין הייליגע רבי דער קארלינער האט אויף דעם שמייכל געהאט אן הקפדה, און ער האט געזאגט פארן תלמיד, איך וועל דיר דאס מסביר זיין מיט א משל,

אמאל האט דער קעניג ארויס געגעבן א באפעל, אז מען זאל יעדן טאג צוזאם נעמען די שריים וואס בלייבט איבער פון די עסן פון די מיליטער, און מען זאל דאס אלעס אוועק לייגן, די סאלדאטן האבן נישט פארשטאנען פארוואס האלט דער קעניג אזוי חשוב דאס איבער געבליבענע עסן פון די סאלדאטן,

אבער לימים איז דער מיליטער ארויס אין מלחמה מיטן שונא, און די אנדערע זייט האט איין געצוימט די מיליטער, און מען האט נישט געקענט אריין ברענגען קיין עסן פאר די סאלדאטן, און פארשטייט זיך אז אן עסן וואלט די גאנצע מיליטער אויס געשטארבן, אבער דאן האט מען זיך דערמאנט אין די זעק פון די איבער געבליבענע עסן וואס מען האט אוועק געלייגט די אלע יארן, און פון די עסן האט זיך די גאנצע מיליטער געהאלטן ביים לעבן די גאנצע צייט,

זאגט דער הייליגער קארלינער זי"ע, אמאליגע צייטן האט דער באשעפער געהאט גרויסע צדיקים קדושים וטהורים וואס האבן געדינט דעם באשעפער אזוי ווי עס דארף צו זיין און האבן געברענגט א נחת רוח פארן באשעפער, אבער ליידער היינט זענען שוין נישט דא די צדיקים, דערפאר איז זיך דער באשעפער כביכול מחי' אפילו מיט א קידוש לבנה פון אזא פשוטע בעל עגלה,

וואס רעכט אפ זיין עבודה אויף א גאר פשוטע דרך, אבער מיט דעם אלעם איז דאס גאר חשוב פארן באשעפער, און פון אזא עבודה טאר מען ח״ו נישט אפלאכן,

ווי באוויסט איז דער צדיק וקדוש רבי שלמה מקארלין זי״ע בימיו געווען פון די גרעסטע מפיצים פונעם דרך החסידות, ער האט מיט זיין גרויסע כח און קדושה מקרב געווען הונדערטער אידן צום דרך החסידות, און ווי באקאנט ווען די מתנגדים האבן ליידער אריין געגעבן א מסירה אויף די צדיקים פונעם דרך החסידות, האט מען דאן איינגעזעצט דריי צדיקי הדור ובתוכם איז געווען דער צדיק רבי שלמה מקארלין זי״ע, האבן די מוסרים דאן געריפן די חסידים מיטן נאמען ״די קארלינער״, וואס דאס ווייזט אז דער צדיק איז געווען דער ראש המפיצים פונעם דרך החסידות,

האט פאסירט איינמאל ווען דער צדיק איז געווען אויפן וועג, איז ער דורך דעם שטאט רייסן אין רוסלאנד, וואס דארט האבן געוואוינט אסאך חסידים פונעם הייליגען בעל התניא זי״ע, און וויבאלד עס האט געהערשט א שטארקע ליבשאפט צווישן די צוויי צדיקים, האבן די אידן פון שטאט גאר שיין אויף גענומען דעם צדיק אין שטאט, יונג און אלט האבן זיך געגרייט צו זיין שבת קודש בצלו פון דעם צדיק וקדוש רבי שלמה מקארלין זי״ע,

אין שטאט רייסן איז געווען א מקו׳ וואס די חסידים האבן געניצט, אבער עס איז נישט געווען קיין געהעריגע וועג ווי אזוי מען זאל דאס הייצן, דערפאר האבן זיך די חסידים פון שטאט צוזאמען גענומען, און לכבודו פונעם גרויסן גאסט האט מען געלאזט אויפקאכן אסאך וואסער, און מען דאס וואסער אריין געגאסן אין די מקו׳, כדי דער צדיק זאל אויף שבת קודש האבן א ווארעמע מקו׳,

איז געשען אן אומגליק, אז בשעתן ארבעטן אויף די מקו׳, האט איינע פון די חסידים געוואלט זען אויב די מקו׳ איז שוין גענוג ווארעם, האט ער זיך אויסגעטון די בגדים און אריין אינעם מקו׳, אבער די אנדערע האבן נישט געוויסט דערפון, און ל״ע מען האט אריין געגאסן א גאנצע קעסל קאכעדיג וואסער גלייך ארויף אויף דעם יונגערמאן, און דער יונגערמאן האט זיך ל״ע גאר שטארק אפגעבריט, פון קאפ ביז פיס האט ער געהאט שווערער וואונדען,

דער שווער זיינער וואס איז געווען א גרויסע מתנגד, און ווען ער האט געהערט וואס דא איז געשען, האט ער בשום אופן נישט געוואלט אריין לאזן דעם איידעם צו זיך אין שטוב און געזאגט, ער האט געוואלט גרייטן א מקו׳ פאר זיין רבין, זאל אים זיין רבי אויסהיילן, וואס בין איך יעצט מחויב פון אים צו ליידן, און בלית ברירה האבן די אידן געפירט דעם יונגערמאן אין ביהמ״ד, און מען האט אים אוועק געלייגט אויף א באנק,

דער יונגערמאן איז נעבעך דארט געלעגן אויפן באנק, און זיך געווארפן פון יסורים און ער איז געווען אין א גרויסע סכנה, פלוצלונג קומט דער צדיק וקדוש רבי שלמה מקארלין זי״ע אריין אין ביהמ״ד, מען איז גלייך צו געלאפן צום רבין און דערציילט די מעשה, אז דער איד האט זיך אפגעגעבן מיטן ווארעמען די מקו׳ פארן רבין, און ליידער האט ער זיך גאר שטארק אפגעבריט, און דא ליגט דער יונגערמאן אויפן באנק אין ביהמ״ד,

גלייך האט דער צדיק געהייסן, אז מען זאל דעם יונגערמאן אריין טראגן צו זיך אין שטוב, און אים אריין לייגן אין זיין בעט, וואס דאס אליין איז געווען א חידוש, ווייל ווי באקאנט האט דער צדיק גאר שטארק מקפיד געווען, אז קיינער זאל זיך נישט לייגן אין זיין בעט, און אפילו זיך נישט זעצן אויף זיין בעט, אבער דא האט דער צדיק געמאכט אן אויסנאם,

און דאן איז דער צדיק צו געגאנגען צום עמוד דאווענען מנחה פון ערב שבת קודש, וואס ווי באקאנט איז דאס עבודת התפלה ביים צדיק געווען מיט קולי קולות און מיט א ברען און א דביקות נורא, דער צדיק האט אנגעהויבן הודו לד׳ כי טוב מיט א ברען, און ווען דער צדיק איז אנגעקומען צו די ווערטער יִשְׁלַח דְּבָרוֹ וְיִרְפָּאֵם, האט שוין דער יונגערמאן געשפירט אסאך בעסער,

און דאן האט זיך דער צדיק געשטעלט דאווענען שמונה עשרה, די גאנצע צייט איז דער יונגערמאן געלעגן אין בעט פונעם רבין, וואס די שטוב איז געווען ממש נעבן דעם ביהמ״ד, און דער יונגערמאן האט געהערט יעדעס ווארט פונעם דאווענען, ווען דער צדיק האט אנגעהויבן הויכע שמונה עשרה און ער איז אנגעקומען צום ברכה פון רפאנו, און ווען דער צדיק האט אויס געלאזט דעם ברכה מיט די ווערטער רוֹפֵא חוֹלֵי עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל, איז דער יונגערמאן שוין געווען איבער געצויגען מיט א נייע הויט ווי א נייע געבוירן קינד,

נאך קבלת שבת איז דער יונגערמאן שוין געווען אויף די פיס אנגעטון מיט די שבת׳דיגע מלבושים, און געקומען צום טיש פונעם צדיק, פארשטייט זיך אז די מעשה האט געמאכט א גרויסע קידוש השם, ווען יעדער אפילו די

מתנגדים פונעם שטאט, האבן געזען דעם גרויסע כח פון די צדיקים וועלכע קענען ממש מחי' מתים זיין נאר מיט זייער דאווענען.

הרה"ק רבי ירחמיאל משה מקאזניץ זי"ע האט דערציילט, אז בשעת דער הייליגער קדושת לוי מברדיטשוב זי"ע האט געוואוינט אין פינסק, האט ער אמאל געלאזט רופן צו זיך א געוויסן איינוואוינער פון די שטאט מיט'ן נאמען ר' שמחה, א למדן און א גרויסער מתנגד, און ביינאכט איז דער למדן אריבער געקומען צום קדושת לוי אין שטוב.

האט דער קדושת לוי אים געבעטן, ער זאל פאר אים זאגן עפעס א געוויסע שטיקל פונעם רי"ף זי"ע, דער למדן האט אזוי געטוען, און ווען ער האט געענדיגט דעם רי"ף, האט אים דער קדושת לוי געזאגט בזה"ל, "זאלסט וויסן אז תורה וואס מען לערנט אן אהבה ויראה און אן קיין ריינע מחשבות, נישט גענוג אז עס איז נישט מתקן, נאר עס איז נאך אויך מקלקל", דער מתנגד האט זיך גאר שטארק אויפגערעגט, ער האט נישט געוואוסט וואס דער קדושת לוי האט געוואלט פון אים האבן, און איז אוועק געגאנגען פון דארט מלא כעס.

יענעם שב"ק איז דעם מתנגד ר' שמחה איינגעפאלן א געדאנק, אז ער זאל אריבער גיין צו רבי שלמה קארלינער צו שלש סעודות, וואס קארלין און פינסק זענען איין שטאט, און וויבאלד אין בית המדרש איז טונקל און קיינער וועט אים נישט זען, האט ער געוואלט א קוק טוען וואס פארא סארט רבי דער רבי שלמה מקארלין איז, ער האט אזוי געטוען, און האט זיך אריינגעשליכט אין די פינסטערניש אין בית המדרש פונעם צדיק רבי שלמה קארלינער זי"ע.

אבער ווי נאר ער איז אריין געקומען אין בית המדרש, האט רבי שלמה קארלינער זיך אנגערופן בזה"ל, "בשלמא וואס מען טרינקט און מען שיכור'ט פורים, ווייל עס איז אין דעם טאג געשען א גרויסער נס, אבער פארוואס טרינקט מען שמחת תורה", נאר דער תירוץ איז, האט רבי שלמה קארלינער געזאגט בדרך בדיחותא, אז ווען מען הערט "שמחה'ס תורה" ווערט נישט גוט אויפ'ן הארץ, און מען מוז נעמען אביסל משקה זיך צו דערכאפן דאס הארץ.

ווען דער תלמיד חכם ר' שמחה האט געהערט די ווערטער, און האט פארשטאנען אז טאקע אים מיינט דער רבי מיט די דיבורים, כאטש אין בית המדרש איז פינסטער, און קיינער האט אים נישט געזען אריינקומען, און אז ביידע צדיקים זאגן די זעלבע זאך אז זיין תורה טויג נישט, האט ער אנגעהויבן נתקרב צו ווערן צום דרך החסידות, און איז שפעטער געווארן פון די גרויסע חסידים פונעם הייליגען מגיד ממזריטש זי"ע.

דער זון פונעם צדיק רבי שלמה מקארלין זי"ע הרה"ק רבי דוב בער מטולצין זי"ע וואס איז געווען א איידעם ביים צדיק רבי ברוך'ל ממעזיבוז זי"ע, האט געלעבט אין א גרויסע דחקות, איינמאל איז ער ארויף צום ציון קדשו פונעם טאטן, און ער האט זיך זייער אויס געוויינט אז ער האט נישט קיין פרנסה, נאר אדרבה ער האט גרויסע חובות פון 150 טויזענט גולדען, און ער האט געבעטן דעם טאטן זאל אים העלפן.

איז די טאטע אים געקומען אין חלום און געזאגט, דא בעולם העליון איז נישט דא קיין געלט, אבער איך געב דיר א נשמה פון א בן זכר, און די זאלסט דעם נשמה פארקויפן, און פון דעם וועסטו קענען באצאלן דיינע חובות, כך הוה דער זון רבי דוב בער איז ארום געפארן אין שטעט און אנגעטראגן א געשעפט, אז פאר 150 טויזענט גילדן קען ער וואונטשען א קינד, און אין שטאט אלאסק האט זיך א איד צו געכאפט און געגעבן די 150 טויזענט גילדן, און דער צדיק האט געקענט באצאלען זיינע חובות, און דער איד איז געהאלפן געווארן מיט א בן זכר.

איין יאר איז דער צדיק וקדוש רבי שלמה מקארלין זי"ע געווען אין בארדיטשוב ביים הייליגען קדושת לוי זי"ע אויפן יו"ט ראש השנה, פארשטייט זיך אז דער יו"ט איז געווען גאר געהויבן, די צוויי צדיקים האבן אפגעראכטן דעם יו"ט מיט זייערע געהויבענע תפילות, אבער ווען עס איז געקומען צו יום הקדוש, און דער הייליגער קדושת לוי האט געבעטן דעם צדיק מקארלין, אז ער זאל בלייבן ביי אים אויך אויף יום הקדוש, האט דער צדיק נישט געוואלט, נאר ער האט געוואלט פארן אויף יום הקדוש צו זיין רבין הרה"ק רבי אהרן הגדול מקארלין זי"ע.

האט דער הייליגער קדושת לוי זי"ע געזאגט פארן הייליגען קארלינער זי"ע בזה"ל, "ביי מעריב יום הקדוש זאגט מען אכט מאל "יעלה", און ווען מיר זאגן די ערשטע זיבן מאל "יעלה", ברעכן מיר דורך די זיבן הימלען, און מיטן אכטן "יעלה" זענען מיר זיך מדבק אינעם בורא כל העולמים, און אויב בלייבט איר דא, וועלן מיר אייך מיט נעמען", האט אבער דער צדיק רבי שלמה מקארלין נישט מסכים געווען, ווייל זייענדיג גאר שטארק דבוק אין זיין גרויסן רבין, האט ער ענדערשט געוואלט זיין ביים רבין אויף יום הקדוש,

איינמאל איז דער צדיק רבי שלמה מקארלין זי״ע געווען אויפן וועג צוזאמען מיט זיין גרויסן תלמיד רבי מרדכי מלעכאוויטש זי״ע, און זיי זענען געווען אין א גאסט הויז, האט דער הייליגער צדיק רבי שלמה געפרעגט דעם בעל אכסניא, אויב די משקה איז שוין גרייט, זענען דאן אריין געקומען צוויי פריצים, און פון גרויס כעס אז די צוויי אידן האבן זיך נישט אויף געשטעלט פאר זיי, האט איין פריץ גענומען זיין שווערדט, און ער האט דאס געלייגט אויפן האלדז פונעם צדיק רבי שלמה מקארלין זי״ע.

דער צדיק האט זיך אבער בכלל נישט דערשראקן פון דעם פריץ, און נאך אפאר מינוט האט דער פריץ אים אפ געלאזט זאגענדיג, דער מענטש איז זיכער נישט בסדר, ווייל ער שרעקט זיך נישט, און אזוי האבן די פריצים אים אפ געלאזט, האט דער צדיק געזאגט פאר זיין תלמיד, ווען איך וואלט ווען געהאט איין משהו פחד פון זיי, וואלטן זיי ח״ו מיך געקענט ערלעדיגן, אבער וויבאלד איך האב פאר זיי נישט געהאט קיין פחד, דערפאר האבן זיי מיך נישט געקענט שעדיגן.

דער הייליגער תורת חסד רבי שניאור זלמן מלובלין זי״ע האט דערציילט, אז אמאל איז דער צדיק רבי שלמה מקארלין זי״ע ארויס פון ביהמ״ד יו״ט, אזוי גייענדיג אויפן גאס, איז דארט אויפן גאס געגאנגען א איד וואס איז ליידער געווען א סגי נהור, האט דער איד געבעטן אז מען זאל אים צו פירן צום צדיק, ווייל ער וויל אים זאגן גוט יו״ט, איז דער איד צו געקומען און געזאגט א גוט יו״ט פארן רבין.

האט דער צדיק רבי שלמה געפרעגט דעם איד, די גלייבסט באמונה שלימה, אז אויב דער גרויסער באשעפער וויל די זאלסט זעהן, קענסטו אנהייבן זעהן, האט דער איד געזאגט אז ער גלייבט באמונה שלימה, האט דער צדיק נאכאמאל איבער געפרעגט, די גלייבסט באמונה שלימה, האט דער איד אוים געשריגן ״רבי איך גלייב באמונה שלימה״, האט דער צדיק געהייסן אז ער זאל אויף מאכן די אויגן, און לפלא דער איד האט אנגעהויבן זעהן כאחד אדם.

ווערט דערציילט, אז ווען הרה״ק רבי יעקב שמשון משפיטיווקא זי״ע איז ארויף אויף ארץ ישראל, איז דער צדיק אריבער געפארן טורקאי, האט ער דארט געטראפן א ספרדישע חכם, און דער חכם האט געפרעגט דעם צדיק, אויב ער קען דעם צדיק ״שלמה בן יוטא״, דער צדיק האט זיך זייער געוואונדערט, פון ווי זאל א איד אין ווייטן טורקאי וויסן פון דעם צדיק, האט ער געזאגט פארן חכם, אז יא ער קען דעם צדיק ״שלמה בן יוטא״.

האט דער חכם געזאגט, אז זיין זיידע וואס איז געווען א גרויסע צדיק וקדוש האט דערציילט, אז עס האט זיך איין טאג אנגערוקט אין טורקאי אסאך קליפות און חיצונים, און מיין זיידע האט געפרעגט די אלע קליפות, פארוואס זיי האבן זיך דא אנגערוקט, האבן זיי געזאגט, אז אין פולין איז דא א צדיק וואס הייסט ״שלמה בן יוטא״, און דער צדיק פארטרייבט זיי פון דארט, און דערפאר האבן זיי געמיזט קומען קיין טורקאי.

איינמאל איז א איד א גרויסע חסיד פונעם צדיק רבי שלמה מקארלין זי״ע געזעצן אינעם פאר-צומער פונעם רבין, און עס איז אריין געקומען א מחשבה זרה אינעם מחשבה פון דעם חסיד, אבער דער איד האט גלייך ביי זיך געטראכט, ווי אזוי פאסט מיר צו האבן אזאנע מחשבות נעבן רבין, דער רבי קען דאך מרגיש זיין מיינע מחשבות.

אבער גלייך האט דער איד געטראכט ביי זיך, דער רבוש״ע איז דאך א יודע מחשבות, איז ווי אזוי פאסט אז איך זאל האבן מחשבות זרות, ווען דער אייבערשטער זעהט דאך אלעס, מען דארף דאך פון דעם אסאך מער מורא האבן, אבער יענע רגע איז דער צדיק רבי שלמה מקארלין ארויס געקומען און ער זאגט פאר דעם חסיד, ״דער רבוש״ע קען סובל זיין מחשבות זרות, אבער איך קען אפילו נישט סובל זיין מחשבות זרות״.

**יארצייט**
**שבת קודש כ״ג תמוז**

**הגה״ק המקובל האלקי רבינו משה קורדובירו ב״ר יעקב זי״ע, בעל תומר דבורה, הרמ״ק, מצפת,**

ער איז געבוירן אין שטאט צפת, בשנת רפ״ב,

צו זיין טאטן הגה״ק רבי יעקב מעיר קורדובה מספרד זי״ע,

ער איז געווען א איש אלקים קדוש וטהור נורא מאוד, און דער נזר המקובלים, ער איז געווען א בקי נפלא בנגלה ובנסתר, און אויך איז ער געווען א בקי בסודות הגלגולים און אויך אין שמות המלאכים הפלא ופלא, און ווי דער הייליגער חיד״א זי״ע איז מעיד, אז ער האט געזען דעם פירוש אויפן זוהר הקדוש פון דעם רמ״ק און ער איז דארט מעיד אז דער הייליגער רמ״ק זי״ע איז געווען א בעל רוח הקודש אמיתי, והיה לו גלוי אליהו הנביא ז״ל,

און ספר הגלגולים שטייט, אז רבינו הרמ״ק זי״ע האט געהאט אין זיך דעם רוח הנשמה פון זכרי בן יהוידע, אויך קען מען זעהן וואס דער של״ה הקדוש זי״ע שרייבט אויפן הייליגען רמ״ק זי״ע בזה״ל, ״מצאתי יד האלקים ר״מ קורדווירי ז״ל וז״ל לימדני זקן אחד, סגולה לבטל מחשבות שיאמר פסוק זה הרבה פעמים ״אֵשׁ תָּמִיד תּוּקַד עַל הַמִּזְבֵּחַ לֹא תִכְבֶּה״, און דער של״ה הקדוש שרייבט אויף דעם בזה״ל, ״ובעיני פשוט שזה הזקן היה אליהו הנביא, ולרוב ענוותנותו של הרב לא רצה לגלות״,

ער איז געווען א תלמיד בתורת הנגלה ובהלכה פון הגה״ק רבי יוסף קארו בעל הבית יוסף זי״ע, און דאן אפילו זייענדיג נאר 18 יאר אלט, איז דער הייליגער רמ״ק זי״ע אריין אין די בית דין פון הגה״ק מהר״י בריב זי״ע, וואס דארט איז דער רמ״ק געווען דער יונגסטער פון די 4 דיינים אינעם בי״ד, דארט איז דער רמ״ק מוסמך געווארן בהוראה, און ווי זיין רבי דער בית יוסף זי״ע שרייבט אויפן תלמיד בזה״ל, ויקוים בו מקרא שכתוב בְּנִי אִם חָכַם לִבֶּךָ יִשְׂמַח לִבִּי גַם אָנִי,

אלע גדולים וגאונים בדורו דארט אין ארץ ישראל, האבן אלע גאר שטארק מעריץ געווען און באוואונדערט דעם גדלות התורה וקדושה פון דעם הייליגען רמ״ק, שוין אפילו דאן זייענדיג גאר יונג, האבן זיך די גדולים בתורה גערעכנט מיטן דעת תורה פונעם רמ״ק, וויסענדיג אז ער איז א בקי וחריף עצום בתורת הנגלה כאחד הגדולים וזקינים,

ער האט חתונה געהאט מיטן שוועסטער פון הגה״ק רבי שלמה אלקבי׳ץ בעל לכה דודי זי״ע,

ביי די צוואנציג יאר האט ער אנגעהויבן לערנען תורה הנסתר פון זיין שוואגער הגה״ק רבי שלמה אלקבי׳ץ זי״ע, און דארט איז דער גאון געוואקסן אין קבלה, און נישט לאנג נאכדעם איז דער גאון וצדיק מפורסם געווארן אלס איינע פון די גרעסטע מקובלים אין עיר הקודש צפת.

סוף ימיו פונעם הייליגען רמ״ק זי״ע, איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל דער אר״י הקדוש זי״ע, און ער האט זייער זיך געוואלט טרעפן מיטן הייליגען רמ״ק זי״ע, אבער עס איז נישט באוויסט אויף זיכער אויב די צוויי קדושים האבן זיך טאקע געטראפן, אבער נאכן הסתלקות פונעם רמ״ק, האט דער אר״י הקדוש זי״ע איבער גענומען די הנהגה פון די מקובלים אין צפת,

ער האט זוכה געווען צו מרביץ תורה זיין פאר גאר אסאך גאונים וגדולים בדורו ובתוכם,
הגה״ק רבי חיים וויטאל זי״ע,
הגה״ק רבי אליהו די וידאש בעל ראשית חכמה זי״ע,
הגה״ק רבי מנחם עזריה בעל הרמ״ע מפאנו זי״ע,

ער איז געווען פון די ראשי הדיינים אין שטאט צפת, און די גאונים בדורו האבן ממש באוואונדערט, ווי אזוי דער הייליגער רמ״ק זי״ע האט באוויזען אזוי פיל צו לערנען און נאך מרביץ תורה זיין פאר זיינע תלמידים, ווען דער גאון איז אוועק זייענדיג נאר 48 יאר אלט, ווי מען זעהט וואס דער גאון הגה״ק רבי אברהם אזולאי בעל חסד לאברהם זי״ע שרייבט אין די הקדמה צו זיין ספר אור החכמה בזה״ל, ״כי לא יאומן כיצד הספיק הרמ״ק לכתוב כל כך הרבה, ארוכה מארץ מדה ורחבה״,

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע ספרים און חיבורים,

ספר תומר דבורה, ספר מוסר,
ספר שיעור קומה, ביאור של האידרות בזוהר,
ספר אילימה רבתי, ביאורים בקבלה,
ספר תפילה למשה, פירוש על התפילה על סדר הקבלה,

ספר פרדס רימונים, ביאור שיטתו בקבלה,
ספר אור נערב, קונטרס במעלות לימוד הקבלה,
ספר גירושין, חידושים שנתגלו לו בהתבודדות אים הגה"ק רבי שלמה אלקבץ זי"ע,
ספר אור יקר, פירוש על חלקי הזוהר, וספר יצירה,
ספר זבחי שלמים, על סדר עבודת יו"כ.

די צדיקים און גדולים אין שפעטערע דורות נאכן הסתלקות פונעם רמ"ק זי"ע, האבן אלע כאיש אחד מעיד געווען אויף די גדלות און קדושה פון זיינע הייליגע חיבורים,

הרה"ק מצאנז זי"ע האט מבטיח געווען, אז ווער עס לערענט יעדן טאג דעם הייליגען ספר תומר דבורה, וועט נישט ח"ו נפגע ווערן מיט די מחלה הידועה רח"ל.
הגה"ק רבי שניאור קוטלר זי"ע האט געזאגט, אז זיין רבי הסבא מקעלם זי"ע, האט גערופען די ספר תומר דבורה דער שלחן ערוך אויף מידות.
הגה"ק בעל היעב"ץ זי"ע שרייבט, אז דער מנהג צו זאגן די פרקי תהלים (צ"ה–צ"ט) ביי קבלת שבת, איז א מנהג וואס קומט פונעם הייליגען רמ"ק זי"ע.

הגה"ק רבינו השל"ה הקדוש זי"ע שרייבט אין זיין הסכמה אויפן ספר תומר דבורה בזה"ל, "שאם יגמור האדם הספר הזה פעם אחת בשבוע או פעם אחת בחודש, מובטח לו שהוא בן עולם הבא", אז אויב א איד וועט דורך לערנען דעם ספר תומר דבורה, איין מאל א וואך, אדער איינמאל א חודש, איז ער פארזיכערט אז ער איז א בן עולם הבא",

ליידער האט דער דור נישט זוכה געווען, און דער הייליגער רמ"ק זי"ע איז נסתלק געווארן זייענדיג 48 יאר אלט, ביום כ"ג תמוז ה' אלפים בשנת ש"ל, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח הישן אין צפת, סמוך ונראה צום אר"י הקדוש זי"ע,

ווי עס ווערט דערציילט האט דער הייליגער אריז"ל זי"ע מעיד געווען, אז ביי די לוי' פונעם הייליגען רמ"ק זי"ע, איז נאך געגאנגען דעם מיטה ביי די גאנצע לוי', שני עמודי דנורא, און דער הייליגער אריז"ל האט געזאגט א הספיד אויפן הייליגען רמ"ק, און אויך זיין רבי דער הייליגער בית יוסף האט אים מספיד געווען און געזאגט בזה"ל, "כאן נגנז ארון התורה",

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.